STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01504

MAYSELEKH FUN HUMESH

Sholem Asch

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Myra Silver and Marlene Weiner
in memory of Bessie Shapiro

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

8|68

שלום אש

מעשהלעך פון חומש

פארלאג „קולטור-ליגע“ ווארשע

Printed in Poland

צווייטע אויפלאגע

געדרוקט אין 1200 עקזעמפּליארן. ווארשע, 1924

דרוקעריי „די וועלט“, ווארשע, נאָוואָליפּיע 7.

SZ. ASZ — MAJSELECH

Wydawnictwo „Kultur-Lige“,
Warszawa, Leszno 40 m. 11.

Druk. „Di Welt“, Warszawa, Nowolipie 7.

8|68

א
אדם

גאט האט שוין געהאט בעשאפען הימעל און ערד,
אלע גרעזער אין פעלד, אלע געוויקסען אין וואלד,
די פויגלען אין דער לופט, די חיות און די עופות
אויף דר׳ערד—נאר ס׳איז קיינער נישט געוועןָ, ווער
עס זאל רעגירען איבער דאס אלץ. די ערד איז געשטאַנען
נים בעארבייט, די ווילדע גרעזער האבען די חיות אויס-
געגעסען, אבער די פרוכטען פון די בוימער און די וויי-
צען פון די פעלדער האט קיינער נישט אנגעריהרט. אויך
האבען נים געקענט די חיות און די בהמות אליין רעגירען
איבער זיך, זיי האבען נישט געוואוסט, ווי אזוי צו פיהרען
זיך, האבען זיך נור געקריגט און געשלאגען מיט אנאנד.
ווען זיי זענען זיך צוזאמענגעקומען אויף א בעראטונג, האט
איינער דעם צווייטען נישט פערשטאנען און נישט געוואוסט,
וואס צו רעדען מיט אנאנד. די בהמות זענען געוועןָ צו
נאריש, די חיות צו שטארק, די פויגלען צו קוויטשענדיג,
און געפלויגען זענען זיי איבער די קעפ פון די בכבודי׳ע
לייבען און בערען, וואס זענען געזעסען אין וואלד צו
דער בעראטונג.

האט גאט געזעהן, אז די בהמות קענען נישט רעגירען אי-
בער דער וועלט, האט ער בעשאפען דעם מענשען, אז ער זאל
אויף אלצדינג אכטונג געבען, אלץ זאל געהערען צו איהם—און
ער זאל געוועלטיגען איבער אלץ, וואס איז דא אויף דער ערד,

האָט ער גענומען אַ שטיק ערד און געפורעמט דערפון דעם מענשען און אַריינגעבלאָזען אין איהם אַ נשמה. האָט דער מענש שוין געקענט געהן, הערען, זעהן און פערשטעהן אַלצדינג, וואָס איז אַרום איהם, איז געגאַנגען גאָט און האָט פאַר איהם פאַרבייגעפיהרט אַלע בעשעפּעניִשען, וואָס ער האָט בעשאַפען, זיי צו ווייזען זייער האַר, און ער זאָל זיי אַ נאָמען געבען. וואָרום עס האָבען נאָך ביז דאַן די אַלע בעשעפּעניִשען קיין נעמען נישט געהאַט, עס איז נישט געווען וועמ עס זאָל זיי אָנרופען, דען די בהמות האָבען נישט געקענט רעדען און הערען. און גאָט האָט געזאָגט צום מענשען: „דאָס אַלץ האָב איך פאַר דיר בעשאַפען, און אַזוי ווי דו וועסט יעדען פון זיי אַ נאָמען געבען, אַזוי וועט ער הייסען".

איז דער מענש געזעסען אויף אַ בערגעל, און ס'איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר איהם דער העלפאַנד. האָט דער מענש געזאָגט: „דער האָט אַזאַ לאַנגען נאָז, ווי אַ העלפאַנד—דערפאַר זאָל ער הייסען העלפאַנד"—האָט מען איהם שוין אַזוי גערופען. איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר איהם דער לייב און האָט געברומט. האָט דער מענש געזאָגט: „דער ברומט, ווי אַ לייב"—האָט מען איהם שוין גערופען לייב. איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר איהם דער פערד, האָט ער אונטערגעשפּרונגען און געהירזשעט. האָט דער מענש געזאָגט: „דער שפּרינגט אונטער און הירזשעט, ווי אַ פערד"—האָט מען איהם שוין גערופען פערד. אַזוי האָט גאָט פאַרבייגעפיהרט פאַר איהם אַלע בעשעפּעניִשען, און אָדם האָט זיי אַלעמען אַ נאָמען געגעבען. און דער נאָמען, ווי אָדם האָט זיי אָנגערופען, איז געבליבען ביזן היינטיגען טאָג.

ב'

חוה

אדמ'ן איז אָבער געווען זעהר טרויעריג און אומעטיג איינער אַליין צו לעבען אויף דער גאַנצער גרויסער ערד. האָט ער אָנגעהויבען צו וואַנדלען איבער דער וועלט, צו זוכען נאָך אַזאַ בעשעפעניש, ווי ער איז. איז ער געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען—אויסגעגאַנגען די גאַנצע וועלט, און נישט געפונען נאָך אַ מענשען, נור בלויז חיות, בהמות און עופות. האָט ער אָנגעהויבען צו זוכען זיך פריינד און חברים צווישען די חיות. דער לייב און די בערען זענען איהם נישט געפעלען פאַר חברים,—ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט אָבלערנען פון זיי, אַזוי בייז צו זיין, ווי זיי זענען; אויך נישט די אָקסען און די קיה,—זיי זענען איהם געווען צו נאַריש, אַז ער זאָל זיך מיט זיי קענען דורכשמועסען. שוין בעסער זענען איהם געפעלען געווען דער פערד און דער הונט. זיי זענען געווען געטרייע חברים, און ער האָט שטענדיג געקענט רעכענען אויף זייער פריינדשאַפט—האָבען זיי זיך טאַקע געפונען שטענדיג נעבען איהם. אָבער וואָס קומט אַרויס?—ער קען נישט מיט זיי אויסרעדען קיין איין וואָרט, און אויך נישט זיצען מיט זיי ביי איין טיש און עסען, וואָרום זיי זענען געווען צו שמוציג און האָבען זיך אויפגעפיהרט ביי טיש און געזועלשאַפט נישט זעהר מיט דרך ארץ.

האָט ער זעהר געבענקט נאָך אַ מענשען, ווי ער איז,

און איז מחמת דעם זעהר טרויעריג געווען. טיילמאָלס פלעגט ער קומען צו אַ וואַסער, האָט ער אַריינגעקוקט אין דעם שפּיגעל פון וואַסער און דערזעהן אינעווייניג אין טייך גאָר אַנ׳אַנדער מין בעשעפעניש, ווי ער האָט געזעהן אויף דר׳ערד. האָט ער עס אָנגעהויבען אַרויסצורופען מיט׳ן פינגער: „קום אַרויס, דו בעשעפעניש״—האָט דאָס בעשעפעניש אין וואַסער אויך אַזוי מיט דער האַנד געוואונקען, ווי ער, און גיט צוריק זיין ווידער־קול, פון וואַסער קומט עס נישט אַרויס.—איז ער אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטען און איז זעהר טרויעריג געוואָרען, און איז געפאַלען אויפ׳ן ברעג אַ מיעדער און איז איינגעשלאָפען.

האָט גאָט געזעהן זיין צער, זיין בענקשאַפט נאָך אַ מענשען—האָט ער רחמנות געקראָגען אויף איהם, איז ער אַראָבגעקומען פון הימעל, בשעת אָדם איז געשלאָפען, און האָט אַרויסגענומען אַ זייט פון זיין לייב און האָט דערפון אויסגעקנעטען אַ פרוי און אין איהר אַ נשמה אַריינגעבלאָזען. איז זי באַלד לעבעדיג געוואָרען, און אָדמ׳ס זייט האָט ער אַזוי פערהיילט, אַז מען האָט גאָרנישט ניט אָנגעזעהן.

איז אָדם פון שלאָף אויפגעשטאַנען, האָט ער דערזעהן די פרוי נעבען זיך. איז ער זעהר דערפרעהט געוואָרען און האָט זי ביי דער האַנד אָנגענומען און געפרעגט:

— ווער ביסט דו? פון וואַנען קומסט דו צו געהן?

האָט זי געענטפערט:

— איך ווייס נישט.

— ביסט דו נישט פון וואַסער אַרויסגעקומען, וואו איך האָב דיך אין דעם שפּיעל פון די וועלען דערזעהן?

האָט זי געענטפערט:

— איך ווים נישט, כ׳האָב די אויגען אויפגעעפענט און האָב מיך געפונען נעבען דיר.

האָט ער זי ביי דער האַנד אָנגענומען און איז צום וואַסער צוגעגאַנגען: געוואָלט זעהען, אויב עס געפינט זיך נאָך דאָרט דאָס בעשעפעניש, וואָס ער האָט פריהער דאָרט געזעהן. האָט ער אַריינגעקוקט און האָט שוין דאָרט דערזעהן צוויי מענשען. האָט ער זיך זעהר פערוואונדערט, וואָס דאָס בעשעפעניש אין וואַסער האָט אויך אַ ווייב—נור סיי ווי סיי האָט ער זיך זעהר דערפרעהט מיט זיין ווייב. האָט ער זי ביי דער האַנד אָנגענומען און איז געגאַנגען מיט איהר איבער דער וועלט.

ג

דער גן־עדן

דאָס לאַנד, וואו אָדם און חוה האָבען געוואוינט, איז געוועזן דער גן־עדן. די שענסטע פרוכטען פון גאָר דער וועלט זענען דאָרט אויף די בוימער געוואַקסען, און די ערד, אָהן געאַקערט און אָהן געזייהט, האָט באַלד ברויט אַרויסגעגעבען. מען האָט נישט געדאַרפט די זאַנגען דרעשען, די קערנדלעך מאָהלען, די מעהל קנעטען, די טייג באַקען, נור עס זענען באַלד פאַרטיגע געבאַקענע ברייטלעך און זעמעל פון דער ערד אַרויסגעוואַקסען. און דער וויין איז נישט געווען, ווי היינט, אין ווינטרויבען, נור אין בעכער פון רויטע רויזען־בלעטער האָט ער געבליהט, און מען האָט באַלד איהם פון בעכער אַרויסגעטרונקען. און די פויגלען זענען געווען געפוצט אין די שענסטע פעדערן און זענען אַרומגעפליגען אין דער לופט און די זיסטע נגונים געזונגען. און די חיות און די בהמות זענען נישט געווען אזוי נאַקעט, ווי היינט, נור זיי זענען געווען געפוצט מיט בלומען־קליידלעך, געמאַכט פון רויזען־בלעטער און פון אַלערליי בלימלעך, וואָס וואַקסען אויף דר׳ערד. און עס איז קיינמאָל דאָרט קיין נאַכט נישט געווען—נור שטענדיג טאָג; און קיינמאָל נישט ווינטער געווען, נאָר שטענדיג האָט די זון געשיינט. און דאָך איז נישט צו הייס געווען, נישט קאַלט און נישט וואַרים, נור מיטעל. די זון האָט געשיינט, און אַ ווינטעל האָט געמילדערט די וואַרימע לופט.

אין דעם גן־עדן זענען אָדם און חוה ארומגעגאַנגען נאַקעט—און האָבען זיך נישט געשעמט איינער פאַר'ן צווייטען. אַלץ האָט געהערט צו זיי. האָבען זיי געוואָלט טרינקען, האָבען זיי געגעבען נור אַ פּיפּס—זענען באַלד צוויי טויבען אַראָבגענידערט און האָבען אין די מיילער געהאַלטען צוויי רויזען־בעכער מיט וויין. האָבען זיי געוואָלט וואַנדערן איבער דער ערד, האָבען זיי נור געגעבען אַ וואונק—זענען באַלד צוויי אָדלערס אַראָבגענידערט און האָבען זיי אַרויפגענומען אויף די פליגלען, זענען זיי געפלויגען איבער דער ערד. זענען זיי אָנגעקומען צו אַ ים און האָבען געוואָלט אַריבערשווימען די וואַסער, האָבען זיי נור געגעבען אַ מאַך—זענען פון וואַסער צוויי וואַלפיש אַרויסגעקומען; האָבען זיי זיך אויף די רוקענס פון די וואַל־פיש אַרויפגעזעצט און זענען דורכגעשוואומען דעם ים.

נור אין דעם גן־עדן זענען געווען צוויי בוימער. פון איינעם אַז מען האָט פון זיינע פרוכטען געגעסען, האָט מען שטענדיג געלעבט,—דעריבער האָט מען איהם גערופען „עץ החיים", דער „לעבענס־בוים". און פון צווייטענס פרוכטען אַז מען האָט געגעסען, האָט מען פון אַלצדינג געוואוסט און מען איז קלוג געווען,—מחמת דעם האָט מען איהם גערופען „עץ הדעת", דער וויסענס־בוים. און גאָט האָט אָנגעזאָגט די מענשען: „פון אַלע בוימער פון גן עדן מעגט איהר פון זייערע פרוכטען געניסען, אויך פון דעם לעבענס־בוים—נור פון די פרוכטען פון דעם וויסענס־בוים זאָלט איהר נישט געניסען. ווארום ווען איהר וועט עסען פון זיינע פרוכטען, וועט איהר שטאַרבען".

אין דעם גאָרטען האָט זיך אויך געפונען, מיט אַלע

אַנדערע חיות, די שלאַנג. נאָר די שלאַנג איז נישט געווען די זעלבע, וואָס זי איז היינט, אַ קריכענדיגע מיט׳ן בויך אויף דר׳ערד. ניין, דענסטמאָל האָט זי נאָך פיס געהאַט און איז אַרומגעגאַנגען צירליך־מאַנירליך צווישען אַלע ווערים אין גן־עדן. געפוצט אין איהר זיבען־פאַרביגער הויט, האָט זי גלייך אויסגעצויגען דעם לאַנגען גרייפטען האַלז און מיט שטאָלצקייט אַראָבגעקוקט אויף אַלע אַנדערע ווערים.—זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז די קליגסטע פון אַלע אַנדערע בעשעפענישען און קאָן זיי אַלעמען אַריינ־נאַרען אין זאַק אַריין. קליגער איז זי אָבער נישט געווען, נאָר פאַלשער און געטריבען אין שטעלען הינטער־פיסלעך. נאָר שטאָלץ איז זי געווען אויף איהר פאַלשקייט און איינגערעדט זיך אויף איהרע הינטער־פיסלעך, וואָס זי האָט געשטעלט אַלע אַנדערע בעשעפענישען. האָט זי אַרומגעטראָגען אַ בייזע האַרץ אויף אָדמ׳ן אויך, וואָס אָדם האָט גענומען זיך פאַר אַ חבר׳טאָרין נישט זי, נור חוה׳ן. און חוה׳ן האָט זי פיינט געהאַט ביז גאָר, נאָר פאַלש איז זי געווען—האָט זי נישט אַרויסגעוויזען איהר פיינדשאַפט, נור פערקעהרט צוגעחנפ׳עט זיך צו חוה׳ן מיט איהרע פאַלשע ריידעלעך.

— האָט אייך גאָט פון אַלע בוימער נישט געהייסען עסען, וואָס געפינען זיך אין גאָרטען? האָט זי אַ מאָל געפרעגט חוה׳ן, וועלכע זי האָט געטראָפען נאָהענט ביים עץ הדעת.

— ניין. פון אַלע בוימער יאָ, נור פון דעם „עץ הדעת“, וואָס דורך איהם קען מען וויסען, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכטס, האט אונז גאָט נישט געהייסען עסעז און נישט אָנריהרען דעם בוים.

— ווייל ער ווייס, אז קוים וועט איהר עסען פון איהם, וועט איהר אזוי קלוג ווערען, ווי ער איז; איהר וועט אויך קענען בעשאפען וועלטען, ווי ער,—האט די שלאנג געזאגט און האט שפיעלענדיג זיך חוה'ן געגעבען א שטופ צו צום „עץ־הדעת".

— וואס טוסט דו? האט חוה אויסגעשריגען.

— זעהסט דו, אט האסט דו אנגעריהרט דעם בוים, און דו ביסט נישט געשטארבען.—זאגט די שלאנג—דאס האט דיך נור גאט אזוי געשראקען. ער וויל נישט, אז איהר זאלט אזוי קלוג זיין, ווי ער.—און זי האט אבגעריסען א שענעם שמעקעדיגען עפעל און האט איהם דערלאנגט חוה'ן.

חוה איז געוועזן א נייגעריגע פרוי—האט זי געוואלט וויסען, וואס עס וועט זיין, אז זי וועט עסען דעם עפעל. האט זי גענומען פון שלאנג דעם עפעל און געגעסען. האט זי מורא געהאט, אז זי וועט אליין שטארבען, האט זי נאך אנגערעדט אדמ'ן אויך—האבען זיי ביידע פון דעם עפעל געגעסען.

ווי זיי האבען נור פון דער פרוכט געגעסען, זענען זיי באלד זעהענדיג געווארען און קלוג געווארען, און האבען אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז עס איז נישט שען ארומצוגעהן נאקעט, און האבען זיך אנגעהויבען איינער פאר'ן צווייטען צו שעמען. האבען זיי זיך גענייהט קליידער פון בלעטער און אנגעטאן זיך.

נאר באלד איז א שטארקער שטורמווינט אנגעקומען צו בלאזען, און פון איהם האט זיך געהערט גאט'ס שטים, און ער האט גערופען:

— אדם, אדם, וואס האסטו געטאן? צי האסטו גע־

געסען פון דער פרוכט פון בוים, וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט, זאָלסט נישט עסען ?

האָט אָדם געענטפערט :

— חוה האָט מיר געגעבען.

האָט גאָט גערופען :

— חוה, חוה, וואָס האָסטו געטאָן ?

האָט חוה געענטפערט :

— די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט.

האָט גאָט געזאָגט צו אדמ׳ן :

— אָדם, דו אָדם ! דערפאַר וואָס דו האָסט מיך נישט געפאָלגט און דו האָסט געגעסען פון בוים—זאָלסט דו מיט דער שוויס פון דיין געזיכט דיין ברויט עסען, און שווער זאָלסטו אַרבייטען אויפ׳ן לעבען, און נים אַזוי גרינג זאָל דיר די ברויט אָנקומען.

האָט גאָט געשאָלטען צוליעב אָדמ׳ן די ערד, און די ערד האָט שוין נישט אַרויסגעבראַכט קיין פאַרטיגע ברויט; דער ווייז איז שוין נישט צייטיג געוואָרען אין רויזען־בעכערן. נור שווער האָט אָדם געמוזט אַקערן די ערד, זייהען און שניידען די זאַנגען. און פון דענסטמאָל אָן האָבען פון דער ערד אָנגעהויבען אַרויסצו־וואַקסען די אַלע שטאַכערם און דערנער, נאָדלען און ברענענדיג גראָז, וואָס ברענגען גאָר קיין נוצען נישט, נור זיי שטערען אָדמ׳ן אין דער אַרבייט און צעשטעכען איהם די הענד און די פים.

און צוויי פייערדיגע מלאכים האָבען אַראָבגעטרייבען מיט שווערדען אין דער האַנד און האָבען אָדמ׳ן מיט חוה׳ן אַרויסגעטריבען פון גן־עדן, אַז ער זאָל געהן אויף דער ווייטער ערד, זי בעאַרבייטען, און האָבען זיך אַוועק־

געשטעלט מיט די שווערדען אין דער האַנד אויף דער וואַך בײם טויער פון גן־עדן, אַז זיי זאָלען זיי צוריק נישט אַרײנלאָזען.

און די שלאַנג, וואָס האָט צוגערעדט חוה׳ן צו זינ־דיגען, האָט גאָט געשאָלטען, אַז זי זאָל פערלירען איהרע פיס און אַרומקריכען אויף איהר בויך, און ווײל זי איז געווען אַזוי שטאָלץ און אײנגערעדט זיך אויף איהר שענקייט, זאָלען זיך מענשען פאַר איהר עקלען. און פון דענסטמאָל האָבען מיר זי פײנט, און זי האָט אונז פײנט.

ד

דער ערשטער טויט

אַז אָדם און חוה זענען פון גן־עדן אַרויסגעטריבען געוואָרען, האָבען זיי ביידע אָנגעהויבען צו אַרבייטען: אָדם האָט בעאַרבייט די ערד, און חוה האָט געפיהרט די שטוב. זיי האָבען זיך ביידע ליעב געהאַט. אַז זיי האָבען זיך ליעב געהאַט, האָבען זיי געבוירען צוויי זיהן, קין און הבל. אַז די קינדער זענען גרויס געוואָרען, האָבען זיי געזאָגט איינער צום צווייטען: „קום, לאָמיר זיך צעטיילען די וועלט"—האָט קין גענומען זיך די גאַנצע ערד, און הבל האָט זיך גענומען אַלע שעפסען, וואָס זענען געווען אויף דער ערד.

מיט דער צייט האָט הבל געבראַכט אַ מתנה גאָט פון זיינע שעפסען, און קין האָט געבראַכט אַ מתנה גאָט פון די פרוכטען פון זיין ערד. האָט גאָט הבל׳ס מתנה צוגענומען און קין׳ס מתנה האָט ער נישט צוגענומען. פאַר וואָס, ווייסען מיר נישט.

האָט עס קין׳ן פערדראָסען, און ער האָט זיך אָנגעהויבען קריגען מיט׳ן ברודער. קין האָט נישט געלאָזט הבל׳ן די שעפסען פאַשען אויף זיינע פעלדער: „די ערד געהער צו מיר", האָט ער געזאָגט. האָט הבל נישט געוואָלט קיין שעפסען־וואָל קין׳ן געבען: „די שעפסען געהערען צו מיר".— „געה דיר אין דער לופטען דיינע שעפסען פאַשען"! — „געה דיר צו דער ערד, זאָל זי דיר וואָל

אויף אַ קלייד געבען. ווי זיי האָבען זיך געקריגט, אַזוי האָט קין גענומען אַ שטיק האָלץ און דערמיט דערשלאָגען הבל'ן אויף טויט.

אַז הבל איז געפאַלען, האָט קין נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. דער טויט איז נאָך דענסטמאָל נישט געווען אויף דער וועלט, און זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז מענשען שטאַרבען. האָט קין געמיינט, אַז הבל שלאָפט. אַז עס איז פאַרנאַכט געוואָרען, האָט קין געוואָלט אַהיים געהן, האָט ער הבל'ן געוועקט: „שטעה אויף, קום אַהיים! די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען". האָט זיך הבל גאָר נישט אָנגערופען. האָט איהם קין אויף די הענד גענומען און געוועקט: „שטעה אויף, ברודער הבל"— אָבער הבל איז טויט צוריק געפאַלען. האָט זיך קין זעהר דערשראָקען און נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס.—האָבען איהם טראָפּענס וואַסער פון די אויגען אָנגעהויבען צו רינען—האָט ער די טראָפּענס אויף דער האַנד אויפגעהאַלטען און זיי אָנגעקוקט און נישט געוואוסט וואָס דאָס איז אזוינס.

גראָד דעמאָלט איז דורכגעגאַנגען דורכ'ן פעלד דער פוקס. דער פוקס איז דער קליגסטער פון אַלע חיות—האָט איהם קין געפרעגט:

— דו פוקס, וואָס דו ביסט געווען, בשעת מיין פאָטער אָדם איז אויף דער ערד אָנגעקומען, ווייסט דו נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָס מיין ברודער הויבט זיך נישט אויף? און וואָס בעדייטען די טראָפּענס, וואָס פאַלען מיר פון די אויגען?

— דאָס איז דער טויט! האָט דער פוקס אָבגעענטפערט: זינט דיין מוטער חוה האָט פון דעם עץ הדעת גע-

געסען, איז דער טויט געקומען אויף דער וועלט. און די טראָפּענס, וואָס פליסען פון דיינע אויגען, זענען טרערען. וואָרום מיט׳ן ערשטען טויט איז די ערשטע טרער גע־קומען אויף דער וועלט.

אַז קין איז געוואָהר געוואָרען, אַז זיין ברודער איז טויט, איז ער אַנטלאָפען און האָט בעהאַלטען זיך אין אַ גראָבען פון זיין ערד. איז גאָט שטים געקומען אָנצו־לויפען און האָט איהם געפרעגט:

— קין, וואו איז דיין ברודער?

האָט קין אָבגעענטפערט:

— איך ווייס נישט. בין איך דען אַ היטער פון מיין ברודער?

האָט גאָט געזאָגט:

— פאַר וועמען בעהאַלסט דו דיך? דיין ברודערס בלוט שרייט דאָך צו מיר פון דער ערד ארויס.

און גאָט האָט איהם פערשאָלטען און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

— דערפאַר, וואָס די ערד האָט צוגענומען דיין ברודערס בלוט, זאָלסט דו זיין פערשאָלטען אויף איהר, אַרומוואָג־לען זאָלסט דו איבער איהר, און זאָלסט אין קיין אָרט קיין רוה נישט געפינען.

האָט זיך קין געבעטען ביי גאָט: „מיין זינד איז טאַקע זעהר אַ שווערע. אָבער ווי אַזוי זאָל איך איבער דער ערד אַרומוואָגלען אַליין, אַז דו האָסט מיך פער־שאָלטען? יעצט, ווער עס וועט מיך טרעפען, דער מעג מיך צו טויט ש׳לאָגען".

האָט גאָט געמאַכט אַ צייכען אויף זיין שטערן, אַז מען זאָל איהם אויס דעם וועג געהן און נישט הרג׳ען.



קין וועקט הבל'ן

האָט קין געלאָזט זיך וואָגלען איבער דער ערד. וואו ער איז געגאַנגען, האָט די ערד געציטערט אונטער זיינע פיס. און די חיות און די בהמות, אַז זיי האָבען דערזעהן דעם צייכען אויף זיין שטערן, זענען זיי אַנטלאָפען פאַר איהם און בעהאַלטען זיך. אַזוי האָט קיין לעבעדיג נפש נישט געוואָלט זיין נעבען איהם, אַלע זענען איהם אויס דעם וועג געלאָפען. איז איהם דאָס לעבען פערמיאוסט געוואָרען. ביז אַ מענש איז אָנגעקומען, וואָס האָט איהם פאַר אַ חיה געהאַלטען און איהם דערשאָסען.

דער נאָך, אַז אָדם מיט חוה'ן האָבען געפונען הבל'ס טויטען קערפער, האָבען זיי נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט איהם. ווייל עס איז נאָך ביז דאַן קיין מענש נישט געשטאָרבען— האָבען זיי נישט געוואוסט, ווי צו בעגעהן זיך מיט אַ טויטען. פלוצלונג האָבען זיי דערזעהן, ווי אַ ראָב איז אָנגעקומען צו פליהען און האָט אין זיין שנאָבעל געהאַלטען אַ טויטען פויגעל. און דער ראָב האָט אויסגעגראָבען אין דער ערד מיט זיין שנאָבעל אַ גריבעל און בעהאַלטען דערין דעם טויטען פויגעל. האָבען זיי פערשטאַנען, אַז די טויטע געהערען צו דער ערד,—האָבען זיי אויסגעגראָבען אַ גרוב און הבל'ן בעגראָבען. פון דענסטמאָל אָן בעהאַלט מען אַלע געשטאָרבענע אין דער ערד. דען פון דער ערד איז געקומען דער מענש, און צו דער ערד גיט מען איהם צוריק. און פון די מענשען, וואָס מען בעהאַלט אין דער ערד, וואַקסען דאָס אַרויס אין זומער די אַלע בלומען, גרעזער און געוויקסען אויף אַלע פעלדער און אַלע וועלדער איבער דער גאַנצער ערד.

ה

נח מיט דער תּיבה

עס זענען שוין געווען פיעל מענשען אויף דער וועלט. זענען זיי אָבער זעהר שלעכט געווען, האָט זיי גאָט געוואָלט פערטיליגען. איז אָבער געווען צווישען זיי איינער, אַ גוטער און אַ פרומער, נח.—האָט גאָט געוואָלט איהם לאָזען לעבען, מיט די אַלע בעשעפּענישען, וואָס ער האָט אויף דער וועלט בעשאַפען. האָט גאָט געזאָגט צו איהם: „נח, איך וויל ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט. מאַך דיר אַ גרויסען קאַסטען און זעץ זיך אין איהם אַריין, און אַז די וואַסער וועט קומען, וועסט דו אין איהם אַרומשווימען. אַלע וועלען דערטרונקען ווערען, נור דו אַליין וועסט ניצול ווערען”.

איז געגאַנגען נח און האָט זיך געפלאַנצט גרויסע טענען=בוימער, האָבען די מענשען געלאַכט און געשפּעט פון איהם: „צו וואָס פלאַנצט דו דיר טענען=בוימער”?— האָט ער זיך געטראַכט: „איהר לאַכט, און איך ווייס וואָס איך טו”. אַז די טענען=בוימער זענען אויסגעוואַקסען, האָט נח זיי אויסגעהאַקט און גענומען זיך בויען דעם קאַסטען, דריי הונדערט איילען לאַנג, פופציג איילען די ברייט, און פון אינעווייניג און פון אויסווייניג האָט ער איהם אויסגעקלעפּט מיט סמאָלע, כּדי די וואַסער זאָל אין איהם נישט אַריינרינען. אַז די מענשען האָבען געזעהן, ווי ער מאַכט זיך דעם קאַסטען, האָבען זיי ווידער געלאַכט פון איהם.

„נאָך וואָס מאַכסט דו דיר אַזאַ קאַסטען?"—האָט ער זיך געטראַכט: „איהר לאַכט, און איך וויים וואָס איך טו".

אַז דער קאַסטען איז פאַרטיג געווען, האָט גאָט געזאָגט צו נח'ן:

„נעהם מיט אין דיין קאַסטען צו צוויי פון אַלע בעשע־פעניש'ן, וואָס זענען נאָר דאָ אויף דער וועלט, סיי אין פעלד, סיי אין וואַלד, סיי אויף דער טריקעניש, סיי אין ים, פון אַלע חיות, בהמות, פויגלען און ווערים צו פאָר־לעך, אַ מאַן מיט אַ ווייב, כדי אַז זיי זאָלען לעבען בלייבען מיט דיר און זיי זאָלען זיך דערנאָך מעהרען און בעלעבען די וועלט".

האָט נח געזאָגט:

„פון וואַנען וועל איך זיי נעהמען? עס זענען דאָך דאָ אַזעלכע פייגעלעך, וואָס וואוינען אויף די בעהאַל־טענסטע אינזלען; עס זענען דאָך דאָ אַזעלכע ווערימלעך, וועלכע וואוינען אין די פערבאָרגענסטע לעכער, וואָס קיי־נער ווייסט נישט פון זיי".

האָט גאָט געזאָגט:

„איך וועל זיי שוין דיר שיקען".

האָבען אָנגעהויבען אָנקומען צו נח'ן אַלערליי חיות, וואָס געפינען זיך אויף גאָר דער וועלט, פערשיידענע בהמות און אַלערליי פויגלען, און וואו עס איז נאָר געווען אַ פערבאָרגענער ווערימעל ערגיץ וואו בעהאַלטען אין האַרץ פון אַ שטיין, אָדער אַ פויגעל פערוואָרפען אויף אַ וויטען אינזעל, וואָס קיין מענשענס טריט טרעטען קיינמאָל נישט דאָרטען. אַלע זענען זיי אָנגעקומען צו נח'ן, אַז ער זאָל זיי מיטנעהמען אין דער תיבה אַריין. און געקומען זענען זיי צו פאָרלעך־וויז, פון יעדען מין צוויי: אַ מאַן מיט אַ ווייב.

דער אייזעל איז געקומען מיט דער אייזעלין, דער הונט מיט דער הינטין, דער האָהן מיט דער הוהן. נח איז געזעסען פאַר דער טיר פון דער תיבה, די זון האָט געשיינט—זע־ענדיג אַנגעקומען די חיות, האָבען זיך פאַר איהם געבוקט און געזאָגט: „נח, נעהם אונז אין דער תיבה מיט, דער מבול וועט קומען אויף דער וועלט—מיר ווייסען". האָט ער זיי אין דער תיבה געפיהרט און יעדען זיין אָרט אָנגעוויזען.

קומט אויך צו איהם דער שקר און בעט זיך: „נח, לאָז מיך אין דער תיבה אַריין". זאָגט נח צו איהם: „איך נעהם מיט בלויז אַ פּאָר, אין צווייען לאָז איך אַריין.— געה, זוך דיר דיין זווג".

איז דער שקר אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט אַ שדוך טון, האָט קיינער נישט געוואָלט מיט איהם חתונה האָבען. ביז ער איז אָנגעקומען צו דער קללה. האָט די קללה מיט איהם חתונה געהאַט. דעריבער זאָגט מען, אַז „שקר און שלימזול געהען צוזאַמען". זענען זיי אָנגעקומען צו נח'ן אַ פּאָר, דער שקר מיט דער קללה, האָט ער זיי אין דער תיבה אויפגענומען.

אַז נח מיט אַלע חיות, בהמות און עופות זענען שוין אין דער תיבה געווען, האָט גאָט אויפגעעפענט די פענסטער פון הימעל, און עס האָט אָנגעהויבען אַראָבגיסען אַ רעגען, וואָס האָט אָנגעהאַלטען פערציג טעג און פערציג נעכט. אַלץ, וואָס איז געווען אויף דער ערד, איז דערטרונקען געוואָרען, אַלע שטעדט, אַלע הייזער זענען פערפלייצט געוואָרען, אַלע מענשען אויסגעשטאָרבען—נור איינער איז געבליבען, עוג מלך הבשן, וואָס איז געווען העכער פון אַלע מענשען. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט רייטענדיג אויף דער תיבה, נח האָט איהם אַרויסדערלאַנגט עסען פון



די מענשען טרינקען זיך אין מבול

פענסטערל, איז ער אזוי ארום דערהאלטען געווארען.
און אויף דער ערד איז גארנישט מעהר געווען, נור וואסער. אלע בערג זענען געווארען בעדעקט מיט וואסער, און מען האט גארנישט מעהר ארויסגעזעהן, נור ים און הימעל, און די תיבה אליין איז ארומגעשוואומען איבער די וואסער. און אויף דער ערד איז גארנישט מעהר געבליבען, נור דאס, וואס איז געווען מיט נח׳ן אין דער תיבה. דארט איז געהאנגען א גרויסער פעריל-שטיין, וואס האט ליכטיג געמאכט אין דער גאנצער תיבה. וואס קומט אבער ארויס? די בהמות און חיות קריגען זיך צווישען זיך. אז מען האט זיי גלייך נישט עסען געגעבען, איז געווארען א ברומעריי, און איינער האט אויפ׳ן צווייטען ליגען געזאגט, און איינער האט דעם צווייטען געשאלטען. האט זיך נח ארומגעקוקט: וואס איז די מעשה? האט ער דערזעהן—דער שקר און די קללה, וואס ער האט אין דער תיבה מיטגענומען, זענען ארומגעלאפען צו אלע בעשעפענישען, און יעדען מאל זענען זיי אין אנאנדערנס מויל געווען. האט ער גענומען דעם פאריל און איינגעשלאסען זיי אין אן אייזערנער שטייג אריין. און אנגעזאגט האט ער זיי, אז אויב זיי וועלען פון דער שטייג ארויס און צווישען די חיות אריין, וועט ער זיי אין וואסער ווארפען. איז שלום געווארען אין דער תיבה.

האט זיך נח אויסגעלערנט די נאטורען פון יעדער בעשעפעניש בעזונדער און האט זיי צו עסען געגעבען איטליכער אין איהר צייט. ער האט נעביך זעהר א שווערע ארבייט געהאט מיט די אלע בעשעפענישען, וואס יעדע בעזונדער פון זיי האט אנאנדער געוועהנהייט, און זעהר לאנג האט עס געדויערט, ביז ער האט זיך צוגעוועהנט

צו זיי. נור דערפאַר האָט ער אַ גרויסע מצוה פערדיענט, וואָס ער האָט די אַלע בעשעפענישען דערהאַלטען ביים לעבען, אז זיי זאָלען דערנאָך בלייבען אויף דער וועלט. נור בלויז דער פעניקס—אזא קליין פויגעלע, וואָס איז געווען שטילער פון אַלע אַנדערע בעשעפענישען—האָט נישט געשריגען עסען, נור נח׳ן מיטגעהאָלפען אין זיין שווערער ארבייט ביים אומגעהן מיט אַזוי פיעל חיות. דערפאַר האָט איהם נח געוואונשען, אַז ער זאָל אייביג לעבען, און די פייגעלע פעניקס לעבט טאַקע אייביג ביז היינטיגען טאָג.

גאָט האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן נח׳ן און אָן די בעשעפענישען, וואָס זענען מיט איהם אין דער תיבה—האָט ער פערשלאָסען די הימלען, מעהר קיין רעגען נישט געגאָסען און אַ ווינט געשיקט, אַז ער זאָל פערטרייבען די וואַסערן אין ים אריין.

אין זיבען חדשים אַרום איז די וואַסער קלענער געוואָרען, און אין צעהן חדשים האָט מען שוין אַרויסגעזעהן די שפיצען פון די בערג פון וואַסער אַרויס. און די תיבה האָט שוין גערוהט אויפ׳ן שפיץ באַרג אררט.

האָט נח אַ פענסטער אויפגעעפענט פון דער תיבה—און אַרויסגעשיקט דעם ראָב זעהן, ווי עס האַלט מיט׳ן וואַסער. איז דער ראָב אַוועקגעפלויגען און איז באַלד צוריקגעקומען.

האָט נח געוואַרט זיבען טעג און האָט די טויב אַרויסגעשיקט זעהן, אויב די וואַסער איז שוין קלענער געוואָרען. האָט זי נישט געפונען קיין שטיקעל אָרט, וואו איהר פיסעל אבצושטעלען, איז זי צוריקגעקומען און האָט זיך געשטעלט אויף דעם דאַך פון דער תיבה.

האָט נח אַרויסגעשטרעקט נאָך איהר די האַנד און זי צו־ריק אַריינגענומען.

האָט ער געוואַרט נאָך זיבען טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. איז זי שוין צוריקגעקומען קעגען פאַרנאַכט און האָט אין מויל געהאַלטען אַ בלאַט פון אַן איילבערט. האָט נח געוואוסט, אַז די וואַסער איז שוין אַוועק, אַז דאָס גרינס בעווייזט זיך שוין אויף דער ערד.

האָט ער געוואַרט נאָך זיבען טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. איז זי שוין מעהר נישט צוריק־געקומען. האָט נח אויפגעעפענט דעם איבערדעק פון דער תיבה און דערזעהן, אַז עס איז שוין טריקעניש אַרום און אַרום. איז ער אַרויס פון דער תיבה און האָט אַרויסגע־לאָזט אַלע חיות מיט אַלע בהמות, די פויגלען פריי גע־שיקט, און די ווערים אָבגעלאָזט, און אַלע טויבען מיט אַלע ראָבען, אַז זיי זאָלען פליהען איבער דער וועלט, מעהרען זיך און ווידער בעלעבען די ערד, ווי פריהער.

און פאַר גאָט האָט ער געשטעלט אַ מזבח און איהם קרבנות געבראַכט און געדאַנקט, וואָס ער האָט איהם פון דעם מבול מציל געווען, איהם מיט אַלע בעשעפענישען. און יעדע בעשעפעניש האָט גאָט דערפאַר אַ לויב־ליעד געזונגען. האָט גאָט די מתנה צוגענומען און געשוואוירען, מעהר שוין קיין פערפלייצונג נישט צו ברענגען איבער דער וועלט. און אַ צייכען האָט ער איבער דער וועלט געשיקט—דעם רעגענבויגען, אַז ער זאָל צום אָנדענקען זיין, אַז גאָט וועט שוין מעהר קיין פערפלייצונג נישט ברענגען איבער דער ערד.

י

דער טורם פון בבל

נח מיט די ווייניגע זענען פון דער תיבה אַרויס און האָבען זיך איבער דער וועלט פערשפרייט. זיי האָבען געמעהרט זיך און באַלד ווידער בע־לעבט די גאַנצע ערד. האָבען די מענשען מורא געהאַט, אַז גאָט זאָל ווייטער קיין מבול נישט שיקען איבער דער וועלט, האָבען זיי געקלערט און עצות זיך געהאַלטען. האָבען אייניגע געזאָגט, אַז ווען אַ מבול קומט, ברעכען זיך די געוועלבען פון הימעל — מחמת דעם גיסט די וואַסער פון הימעל אַראָב, דאַרף מען אַ גרויסען טורם אויפמויערן, וואָס זאָל מיט זיין שפּיץ אונטערהאַלטען די הימלען. און אַנדער האָבען געזאָגט: „ווייסט איהר וואָס? אַז גאָט וועט אַראָבשיקען אַ רעגען, וועט מען דורך דעם טורם אויפ׳ן הימעל אַרויפגעהן און מיט גאָט מלחמה האַלטען". האָבען זיי געמויערט דעם טורם וואָס אַ מאָל העכער און העכער, ביז ער האָט שוין באַלד צום שפּיץ הימעל דערגרייכט. וואָס טוט גאָט? אין איין שענעם פריהמאָרגען, אַז די מענשען זענען זיך צונויפגעקומען צו דער אַרבייט, האָט יעדער פון זיי אויף אַנ׳אַנדער שפּראַך גערעדט, וואָרום גאָט האָט בייַ־נאַכט יעדען דעם לשון אָבגענומען און אַנ־אַנדערע שפּראַך געגעבען. האָט איינער דעם צווייטען נישט פערשטאַנען. דער האָט געזאָגט: „גיב מיר ציגעל" — האָט מען איהם דערלאַנגט ליידהם. האָבען זיי זיך געקריגט

איינער מיט'ן צווייטען, צעשלאָגען זיך און די אַרבייט גע־וואָרפען. פון דענסטמאָל אָן שטעהט נאָך דער טורם אין בבל אונגעענדיגט, און פון דענסטמאָל אָן רעדען די מענשען אויף די פערשיידענע שפּראַכען און פערשטעהען נישט איינער דעם צווייטען.

ז

אונזער פאָטער אברהם

דענסטמאָל האָבען די מענשען נאָך גאָט נישט געקענט, האָבען זיך געמאַכט קליינע געצען פון שטיין און האָלץ און האָבען געדיענט צו זיי און געגלויבט אין זיי. תרח, אַברהמ׳ס פאָטער, האָט געהאַנדעלט מיט אַזעלכע געצען, האָט געהאַלטען אַ קלייט פון קליינע און גרויסע געצען, און די מענשען זענען געקומען ביי איהם קויפען, יעדער אַ גאָט, לויט זיין יכולת. איז ער געוועזן אַ רייכער—האָט ער זיך געקויפט אַ גרויסען גאָט, איז ער געוועזן אַן אָרימער—האָט ער געקויפט אַ קליינעם גאָט. ביי דעם געצען-הענדלער תרח׳ן איז געבוירען געוואָרען אַ יונגעל אַברהם. אַז דער אַברהם איז אַלט געוואָרען דריי יאָהר, האָט ער שוין פערשטאַנען, אַז די געצען קאָנען נישט זיין קיין געטער: „ווי אַזוי קען עס זיין אַ גאָט, וואָס מען האָט עס אַליין מיט די אייגענע הענד געמאַכט?" האָט ער זיך געזאָגט. איז ער אַרויסגעגאַנגען און האָט געזעהן די זון—האָט ער געמיינט, די זון איז גאָט. איז געקומען פאַרנאַכט, איז די זון אונטערגעגאַנגען — האָט ער זיך געטראַכט: „ניין, אויך די זון איז קיין גאָט נישט. קומט דער אָבענד, געהט זי אָב".—אַז עס איז נאַכט געוואָרען, האָט ער דערזעהן די לבנה מיט די שטערען — האָט ער געמיינט, אַז די לבנה מיט די שטערען זענען גאָט. האָט זיך אויף טאָג צו שאַרען אָנגעהויבען, זענען

די לבנה מיט די שטערען פערשוואונדען — האָט ער גע-וואוסט, אַז אויך זיי זענען קיין געטער נישט. האָט ער פערשטאַנען, אַז עס מוז עפּיס זיין, העכער פון זיי אַלע-מען, וואָס איז גאָט און געוועלטיגט איבער אַלץ.

איינמאָל האָט איהם דער פאָטער אין גאַס געשיקט מיט אַ קאָרב געטלעך צו פערקויפען. האָט ער זיך אין מאַרק אויסגעשטעלט מיט זיין סחורה — זענען אָנגעקומען פערשיידענע מענשען, יונגע און אַלטע, סוחרים, צו קוי-פען זיינע געצען. האָט מען איהם געפרעגט: „קענען עפּיס דיינע געטער וואונדער טון?" האָט ער געענטפערט: „יאָ, נאָר זיי טוען וואונדער דערנאָך, ווען מען צאָהלט אָב פאַר זיי די געלד". אַז זיי האָבען די געלד אָבגעצאָהלט און די געטער אָבגענומען, האָט אַברהם אָנגעהויבען צו לאַכען פון זיי: „ווי אַזוי קענען זיי וואונדער טון, אַז איך האָב דאָך אַליין געזעהן, ווי מיין פאָטער תרח האָט זיי פון ליידעם געקנעטען?" האָבען זיי איהם די געטער צוריק-געוואָרפען און די געלד צוריקגענומען — האָט ער צוריק די סחורה צום פאָטער אַהיים געבראַכט.

אַז דער פאָטער האָט געזעהן, אַז פאַר קיין סוחר טויג ער נישט—נישט איין גאָט פערקויפט, האָט ער איהם פאַר אַ גלח געמאַכט און איהם אַריינגעשטעלט אין דער טומאה אַריין, וואו עס זענען געשטאַנען זיינע געטער.

זענען געקומען מענשען קרבנות ברענגען פאַר די געטער. האָט איינע אַ יודענע געבראַכט אַ גרויסען טעלער מיט עסען. האָט ער דעם טעלער צווישען די געטער אַוועקגעשטעלט און אַרומגעקוקט זיך, אויב קיינער איז נישט דאָ, האט ער גענומען אַ שטעקען און צעבראָכען אַלע

קליינע געטער, און דעם שטעקן אריינגעשטעקט אין דער האַנד פון דעם גרעסטן גאָט.

אַז דער פאָטער איז געקומען און דערזעהן דעם חורבן פון די צעבראכענע געטער, האָט ער אויף איהם געשריגען: שגץ! וואָס האָסטו געטאָן?

האָט אַברהם געזאָגט:

„איך נישט, נור דער גרויסער גאָט. אַ פרוי האָט געבראַכט אַ שיסעל עסען פאַר זיי. האָבען זיך אַלע צוגעכאַפּט צו דער שיסעל, האָט דער גרויסער גאָט גענומען אַ שטעקען, אַלעמען אַוועקגעיאָגט און צעבראָכען און אַליין אַלצדינג אויפגעגעסען".

האָט דער פאָטער פערשטאַנען, אַז עס איז ליגען, און האָט איהם פערקלאָגט פאַר דעם קעניג נמרד. האָט יענער געהייסען, מען זאָל אָנלעגען אַ פייער אין אַן־אויווען און אברהמ׳ן פערברענען. האָט מען אברהמ׳ן אין פייערדיגען אויווען געוואָרפען. האָט גאָט געמאַכט אַ וואונדער, אַז ער איז נישט פערברענט געוואָרען, נור ער איז גאַנץ אַרויסגעגאַנגען פון אויווען. האָבען אַלע אַרום פערשטאַנען, אַז זיי אַלע דיענען צו געצען, און נאָר אברהם האָט דערקענט דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט.

ח

ווי אברהם האָט דערקענט גאָט

איז אברהם געגאַנגען איבער דער וועלט גאָט זוכען. איז ער אָנגעקומען אין אַ לאַנד אויף אַ פעלד, האָט ער געטראָפען אַ שאַר ווערימלעך, וואָס זענען געקראָכען איבער דער ערד. האָט ער געהערט, ווי זיי זאָגען: „דער געהט דאָ גאָט זוכען, און מיר וויסען שוין לאַנג, וואו גאָט איז". האָט אַברהם געשפעט פון זיי: „די מענשען קענען נאָך נישט גאָט, און זיי וויסען שוין?"

איז ער ווייטער געגאַנגען, האָט ער אָנגעטראָפען אַ מחנה פויגעלעך פליהען. האָט ער געהערט זיי פישטשען און זינגען אַ לויבליעד: „מיר זינגען אַ ליעד פאַר גאָט". האָט אַברהם ווידער געלאַכט פון זיי: „די מענשען וויסען נאָך נישט, ווער גאָט איז, און די פייגעלעך זינגען שוין ליעדער פאַר איהם!"

איז ער ווייטער געגאַנגען און האָט אָנגעטראָפען אַ סטאַדע חיות. עס איז געווען פריה-מאָרגען, זענען זיי אַלע געלעגען אין וואַלד אויסגעשפרייט — די קעפּ אויפגעהויבען צום הימעל און געברומט אַ ליעד. האָט ער זיי געפרעגט: „פאַר וועמען ברומט איהר אַזוי?" האָבען זיי אָבגעענטפערט: „דאָס זינגען מיר אונזער ליעד פאַר גאָט. דען יעדע בעשעפעניש, אַז זי הויבט זיך אויף אין דער פריה, זאָגט איהר ליב פאַר גאָט, יעדער איינע, ווי זי קען".

האָט ער זיי געפרעגט:

— פון וואַנען ווייסט איהר, ווער גאָט איז?

האָבען זיי איהם געענטפערט:

„ווי אַזוי זאָלען מיר נישט ווייסען, וואו גאָט איז? ווער שפּייזט אונז דען, אַז נישט גאָט? ער זאָרגט פאַר אונז און שיקט אונז צו יעדען זיין נעהרונג צו זיין צייט. אָט האָבען מיר אין אונזער משפּחה אַ קליין ווערימעל— קען ער זיך אַנדערש נישט אויפהאַלטען, נאָר אין דער טיעפעניש פון שטיין. ווילסטו זעהן? שפּאַלט דעם קיזעל־שטיין, וועסטו איהם געפינען".

האָט אברהם גענומען אַ קיזעלשטיין און געשפּאָל־טען, האָט ער דאָרט אין דער טיעפעניש געפונען אַ ווע־ר־מעל. האָט ער איהם געפרעגט: „ווער שפּייזט דיך דאָ? ווער ווייס, אַז דו ביסט דא בעהאַלטען?"

האָט דער ווערימעל געענטפערט: „גאָט דער פאָטער, וואָס איז אין הימעל—שפּייזט אַלע בעשעפענישען אויף דער וועלט—ער ווייס אויך, אַז איך בין דאָ בעהאַלטען, און שיקט מיר צו מיין שפּייז צו יעדער צייט".

האָט זיך אַברהם געוואונדערט: „דאָס, וואָס די מענ־שען ווייסען נאָך נישט אין דער וועלט—ווייסען שוין דאָס די חיות אין וואלד און די ווערימלעך אין די שטיינער!"

האָבען זיי איהם געענטפערט: „ווייל מיר זענען אין דעם לאַנד כנען, אין ארץ־ישראל, וואו עס וועט אַמאָל דער בית־המקדש שטעהן—דעריבער ווייסען מיר, ווער גאָט איז".

ט

גאָט בעווייזט זיך צו אברהם

האָט אַברהם מקנא געווען די ווערימלעך און די פויגלען און די חיות פון לאַנד כנען: זיי ווייסען גאָט צו לויבען, און ער נישט. איז עס נאַכט געווען, האָט ער צום הימעל אַרויפגעקוקט, אויסגעשפּרייט די הענד און אָנגעהויבען צו בעטען ביי גאָט:

— גאָט, גאָט, ווייז זיך מיר! איך וויל וויסען, ווער דו ביסט, און וויל דיענען צו דיר.

האָט גאָט געוואָרפען אַ מיעדקייט און אַ שלאַפקייט אויף אַברהמ׳ען, איז ער אַנידערגעפאַלען ביים ברעג ים און איז אייַנגעשלאָפען. אַז אַברהם איז אייַנגעשלאָפען, האָט זיך גאָט געוויזען צו איהם אין חלום ביי דער נאַכט און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

„איך בין דער, וועמען דו זוכסט,—איך בין דער בעשעפער, וואָס האָט אַלע לעבעדיגע און טויטע בעשאַפען. איך בין דער, וואָס איך גיב אַכטונג אויף דעם מינדעסטען בלימעלע און גרעזעלע און זעה, אַז זיי זאָלען וואַקסען, און ווייס פון דעם קלענסטען פויגעלע און ווערימעל, און זעה, אַז זיי זאָלען געפינען זייער דערנעהרונג. און ווייל דו האָסט פערשטאַנען מיך צו זוכען—און נישט געגלויבט אין די האָלצערנע געטער פון דיין פאָטער תרח,— האָב איך דיך ליעב געקראָגען און איך וויל מיך בעהעפטען מיט דיר אויף שטענדיג. אַן אייביגער באַנד פון פריינד-

שאַפֿט זאָל זיין צווישען מיר און צווישען דיר און דיינע קינדער, וואָס וועלען קומען נאָך דיר.

„קוק דיך ארום, אַברהם, און זעה דאָס גאַנצע לאַנד כנען — אָט דאָס לאַנד וועל איך דיינע קינדער אָבגעבען. דאָס וועט זיין דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון די יודען, מיינט מען — ארץ ישראל".

אַז אַברהם האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער פֿער־שטאַנען, אַז גאָט האָט זיך צו איהם בעוויזען. האָט ער אָנגעהויבען צו בעטען פֿאַר גאָט אַזוי:

— ווי אזוי וועסט דו מיינע קינדער ארץ־ישראל אָב־געבען, אַז דו האָסט מיר גאָר קיין קינדער נישט געשענקט?

איז אַ גרויסע שרעק אָנגעפֿאַלען אויף אַברהמ'ן, און גאָט האָט זיך ווידער צו איהם בעוויזען און האָט איהם אַזוי געזאָגט:

— קוק, אַברהם, אין הימעל אַריין און זעה די שטע־רען אויפֿ'ן הימעל. אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל שטערען עס זע־נען דאָ אין הימעל, אזוי פֿיעל וועלען דיינע קינדער זיין, און אַזוי גרוים און שען, ווי די שטערען זענען, אזוי שען און גרוים וועלען זיי זיין.

האָט אברהם געגלויבט גאָט און האָט פֿאַר איהם אַ מזבח אויפֿגעשטעלט אויף דעם אָרט, וואו גאָט האָט זיך צו איהם בעוויזען. האָט ער גענומען אַ פֿעט קאַלב, אַ פֿעטע ציג און א פֿעט שעפּסיל, אַ טויב אַ זכר און אַ טויב אַ נקבה, האָט ער דעם קעלביל, די ציג און דעם שעפּסיל צעשניטען אויף צוויי שטיקער און אַוועקגעלעגט איין שטיק נעבען אַנדערן; די פֿויגלען האָט ער אָבער נים צעשניטען. אָב־געלאָזט זיי, האָבען זיי זיך אַוועקגעשטעלט אויף די צעשני־טענע פֿלייש. קומט גאָטס שטים אָן און זאָגט אַזוי:

— אַברהם, אַברהם! זאָלסט וויסען, דיינע קינדער וועלען אַמאָל אין גלות זיין: קיין מצרים וועל איך זיי פערטרייבען און וועל זיי פון דאָרט אַרויסנעהמען; קיין בבל וועל איך זיי פערטרייבען און וועל זיי פון דאָרט אַרויסנעהמען; נור דער דריטער גלות—מיינט מען: אונזער גלות—וועט זיין דער לענגסטער פון אַלע. נור איך וועל זיי פון דאָרט אויך אַרויסנעהמען, משיח׳ן שיקען און זיי צוריק אַהיים פיהרען קיין ארץ־ישראל.—

דערנאָך איז אַראָב אַ פייער פון הימעל, האָט עס געפלאַמט, ווי אַ ברענענדיגער אויווען, און האָט פערברענט די שטיקער צעשניטענע פלייש. האָט דאַן גאָט גוט־פריינדשאַפט געשלאָסען מיט אַברהמ׳ען און מיט זיינע קינדער,—מיינט מען: אונז יודען. און גאָט האָט אונז דאַן ארץ־ישראל אַוועקגעשאָנקען, און זי געהער צו אונז ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג.

ו׳

די מלאכים ביי אברהם

פון זיין ווייב שרה'ן האָט אַברהם נישט געהאַט קיין קינדער, נור פון זיין דיענסט הגר'ן האָט ער געהאַט איין זוהן ישמעאל'ן. זעהר אַ ווילדער יונג און אַ גראָבער איז ער געווען, האָט מיט אַלע שכנים געהאַט צו טון, און אַברהם האָט געהאַט פון איהם פיעל עגמת־נפש, האָט אַברהם געבעטען צו גאָט, אַז ער זאָל איהם אַ זוהן שענקען פון זיין ווייב שרה. האָט איהם גאָט געשיקט דריי מלאכים צו טרייסטען איהם.

אַמאָל איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. איז אַברהם געזעסען פאַר דער טיר פון זיין געצעלט און האָט אָבגעוואַרט אורחים, וואָס זאָלען צו איהם אַריינקעהרען און עפּיס געניסען. האָט ער דערזעהן פון וועג אָנקומען דריי אורחים. אברהם איז געווען אַ גרויסער מכנים אורח, און אַלע רייזענדע, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דעם וועג פאַרביי דעם געצעלט, וואו ער האָט געוואוינט, האָבען אַלע גע־מוזט ביי איהם אָבשטעלען זיך עסען און איבערנעכטיגען. האָט ער אויך די דריי אורחים אַריינגעבעטען צו זיך אין שטוב אַריין. די דריי אורחים זענען אָבער געווען דריי מלאכים, נאָר אברהם האָט ניט געוואוסט דערפון און האָט זיי געהאַלטען פאַר מענשען. האָט ער וואַסער דער־לאַנגט און — ווי דער מנהג איז דאַן געווען — ביי די אורחים די הענד און די פיס געוואַשען. דערנאָך האָט ער

אברהם בעדיענט די דריי מלאכים

פלינק דעם טיש געגרייט אונטער אַ שאָטענדיגען בוים אין גאָרטען און איז מיט דעם יונג ישמעאל'ן אין שטאַל געלאָפען, אַ שעפּסיל געקוילעט און דערלאַנגט אויפ'ן טיש ברויט, פּוטער און קעז און געבעטען די אורחים עסען. די אורחים האָבען זיך געמאַכט, ווי זיי וואָלטען געווען געגעסען. פאַר'ן אַוועקגעהען האָבען זיי אַברהמ'ען געוואונשען, אַז זיי זאָלען דערלעבען פון היינט אין אַ יאָהר אַרום צו זיין ביי איהם אויף אַ סעודה ביי זיינעם אַ זוהן, וואָס ער וועט האָבען פון זיין ווייב שרה. שרה איז געווען אין געצעלט, און אַז זי האָט זיך צוגעהערט דורך דער טיר, וואָס די אורחים ווינשען איהם, האָט זי געלאַכט, ווארום זי איז שוין געווען אַן'אַלטע יודענע, און אברהם איז שוין געווען אַן'אַלטער יוד,—און אַלטע לייט האָבען קיין קינדער נישט. האָט גאָט געזאָגט צו אברהמ'ען:

— וואָס לאַכט דאָס שרה אַזוי?—ביי גאָט איז דאָך אַלץ מעגליך.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען. אין אַ יאָהר אַרום האָט שרה אַ זוהן געבוירען—האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען יצחק.

די דריי מלאכים זענען אָבער פון דאָרט אַוועק קיין סדום, בכדי די שטאָדט חרוב צו מאַכען.

ווארום די שטאָדט סדום איז געווען זעהר אַ זינדיגע שטאָדט, און די מענשען זעהר שלעכטע מענשען,—מחמת דעם זאָגט מען אויף אַ שלעכטען מענשען: „ער איז פון סדום". וואָס האָבען זיי געטאָן אַזוינס?—למשל, אַז עס האָט וועր אין סדום אַן'אורח צו זיך אהיים געבעטען און איהם געלעגט נעכטיגען אין אַ בעטיל אַריין—איז די בעטיל

צו קורץ געווען פאַר איהם, האָט דער בעל הבית ביים אורח אויסגעצויגען די פיס אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבען פונקט צוגעפּאַסט צום בעטיל; ווענען אָבער די פיס גע-ווען צו לאַנג פאַר׳ן בעטיל—האָט ער זיי ביי איהם אָב-געהאַקט און צוגעפּאַסט אַזוי, אַז ער זאָל פונקט קענען אַריין אין בעטיל. און עס איז דאָרט געווען אַ מיידעל, האָט זי אַן אָרימאַן אַ שטיקעל ברויט געגעבען. האָבען זיי גענומען די מיידעל, איינגעטונקט זי אין אַ טונדעל האָניג און אויפ׳ן דאַך אַרויפגעשטעלט. ווענען געקומען צו פליהען די ביהנען און האָבען זי אויפגעגעסען. אַזוי שלעכט זע-נען די מענשען געווען אין סדום. די פייגעלעך האָבען זיי געלאָזט אויסהונגערן, פאַלען אין גאַס פאַר אַ קרישעלע ברויט. דערפאַר האָט גאָט בעשטימט די גאַנצע שטאָדט סדום אונטערצוברענגען.

אַברהם האָט אָבער דאָרט געהאַט אַ קרוב וואוינען—לוט מיט זיין משפחה. יאָ אַ גוטער, ניט אַ גוטער—אַזאַ גוטער, ווי מען קען זיין אין סדום. האָט גאָט געזאָגט:

— איך וויל דאָ ברענגען איבער סדום אַזאַ אומגליק, און מיין פריינד אברהם זאָל איך גאָרנישט דערצעהלען דערפון?״—

האָט גאָט פערטרויט אַברהמ׳ען, אַז ער האָט בע-שטימט סדום אונטערצוברענגען. האָט אַברהם אָנגעהויבען צו בעטען נישט בלויז פאַר זיין משפחה לוט, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער שטאָדט: „אפשר געפינען זיך דאָרט פופציג צדיקים, אפשר פערציג, אפשר צוואַנציג, אָדער גאָר צעהן, וועסט דו אַ שטאָדט אונטערברענגען מיט צעהן צדיקים?״ נור אַפילו איינער האָט זיך אויך נישט געפונען אין סדום.

אַז די מלאָכים זענען קיין סדום אָנגעקומען, האָבען זיי זיך אין מאַרק אָבגעשטעלט. איז געגאַנגען פאַרבײַ לוט, אַברהמ׳ס קרוב. דערזעהן פרעמדע אורחים אין שטאָדט, האָט ער זיי אַהיים געבעטען צו זיך, זעהר שען זיי מכבד געווען, וואַסער דערלאַנגט, די פיס געהייסען וואַשען, מצות געבאַקען פאַר זיי. אַז די מענשען פון סדום זענען געוואָהר געוואָרען, אַז לוט האָט אורחים צו זיך אַהיים געבעטען, האָבען זיי באַלד אַרומגערינגעלט די הויז, אָנגעהויבען צו קלאַפּען אין דער טיר בײַ לוט׳ן און געשריען:

— גיב אונז דײַנע אורחים אַרויס—אַנישט!...

איז לוט צו זיי אַרויס און האָט זיך אָנגעהויבען בײַ זיי בעטען:

— זיי זענען זעהר אָנשטענדיגע מענשען, די אורחים, טוט זיי קיין שלעכטס נישט. זיי זענען מײַנע געסט, געקומען צו מיר אין שטוב אַרײַן — און וואָס איהר ווילט, וועל איך אײַך געבען דערפאַר, אַפילו מײַנע אייגענע טעכטער, נאָר די אורחים לאָזט צו רוה!

האָבען זיי לוט׳ן אַוועקגעשטופּט און געשריען נאָך אויף איהם:

— אַ פרעמדער איז דאָ געקומען—וועט ער אונז דרך-ארץ לערנען, פערצעהלען, ווי מיר דאַרפען זיך מיט פרעמדע בעגעהן?! אַוועק פון דאַנען!

האָבען זיי געוואָלט די טיר ברעכען, די אורחים אַרויסנעהמען, זיי שלעכטס טון. האָבען אָבער די מלאכים געגעבען אַ נעהם אַרײַן לוט׳ן אין שטוב אַרײַן, און די מענשען פון סדום, וואָס זענען געשטאַנען אַרום טיר, האָבען זיי מיט בלינדהייט געשלאָגען. האָט איינער אָנגע-

מרעטען אויפ'ן צוויימען, איינער געשלאָגען דעם צוויי-
טען,—און די טיר האָבען זיי נישט געקאָנט געפינען.
זאָגען די מלאָכים צו לוט'ן אַזוי:
— נעהם אַלע דייניגע צוזאַמען און קום מיט אונז אַרויס
פון שטאָדט. האָסט דו טעכטער, האָסט דו איידעמס —
נעהם אַלע צוזאַמען, וואָרום מיר זענען געקומען די שטאָדט
חרוב מאַכען.

האָט לוט צוזאַמענגענומען אַלע זיינע טעכטער,
שניר און איידעמס, און איידער עס איז פאַרטאָג געוואָ-
רען, האָבען זיי די מלאָכים אָנגענומען ביי די הענד און
אויסען שטאָדט געבראַכט און אָנגעזאָגט זיי, אַז זיי זאָלען
זיך נישט דערוועגען אומצוקוקען זיך זעהן, וואָס פון דער
שטאָדט ווערט, וואָרום זיי קענען אויך מיט איהר פער-
לוירען געהן.

האָבען זיי די מלאכים פלינק געכאַפּט און זענען
אַנטלאָפען מיט זיי אויף אַ באַרג ארויף הינטער דער
שטאָדט. האָט אָבער לוט'ס ווייב זיך נישט געקענט איינ-
האַלטען—זי איז געווען נייגעריג צו וויסען, וואָס ווערט
פון דער שטאָדט—האָט זי זיך אומגעדרעהט און אויף
דער שטאָדט געקוקט. איז באַלד פון איהר אַ שטיק זאַלץ
געוואָרען.

י״א

דער פעטער ישמעאל

אז יצחק איז געבוירען געוואָרען—האָט שרה פערלאַנגט פון אַברהמ׳ן, אַז ער זאָל פערטרייבען די דיענסט הגר מיט איהר זוהן ישמעאל׳ן,—זי האָט מורא געהאַט, אַז איהר יצחק זאָל זיך נישט אָבלערנען פון ישמאעל׳ן בייזע מדות. האָט אברהם נישט געוואָלט איהר פאָלגען,—עס איז איהם געווען אַ רחמנות אויף זיין קינד. נאָר, אַז שרה האָט איהם פיעל מאָל איבערגעעדט און איהם נישט רוהען געלאָזט, האָט ער איהר נאָכגעגעבען. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען אַ לאָגעל וואַסער מיט אַ לעביל ברויט, האָט דאָס הגר׳ן אויפ׳ן פלייצע געגעבען און דאָס קינד אין האַנד אַריין און האָט זי מיט ישמעאל׳ן פערטריבען פון דער היים.

עס איז געווען אַ שענער פריהמאָרגען, בשעת הגר מיט איהר קינד זענען אין דעם מדבר אַוועק. אַז זי איז מיעד געוואָרען, האָט זי זיך אונטער אַ בוים געזעצט אָברוהען און האָט אויפגעגעסען מיט איהר קינד דעם לעביל ברויט און אויסגעטרונקען דעם לאָגעל וואַסער. דערנאָך זענען זיי ווייטער געגאַנגען. אַז די ברויט האָט זיך שוין אָבער געהאַט אויסגעלאָזט, און קיין וואַסער איז שוין נישט מעהר געווען, און דער יונג האָט געוואָלט טרינקען, האָט זי גענומען דעם יונג און אונטער אַ בוים איהם אַרונטערגעלעגט, און אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען אַ ביסעל

ווייטער און אַוועקגעשטעלט זיך אָבקוקען, וואָס וועט פונים קינד ווערען. האָט זי געהערט, ווי דער יונג וויינט און בעט זיך טרינקען—האָט עס איהר מוטער־האַרץ גערירט. האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען און צו בעטען פאַר גאָט: „גאָט, גאָט, זעה מיין נויט! מיין האַרינטע שרה האָט זיך צעבייזערט אויף מיר, האָט מיך דער האַר אַברהם פון שטוב אַרויסגעטריבען, און יעצט געהט מיין קינד אויס פאַר אַ טרונק!"

האָט גאָט אויף איהר רחמנות געקראָגען און האָט צו איהר אַ מלאָך אַראָבגעשיקט. איז דער מלאָך צוגע־גאַנגען צו איהר און האָט איהר אַזוי געזאָגט:

— האָב נישט מורא, הגר! געה, הויב אויף דעם יונג,—גאָט וועט איהם בענשען, ער וועט נאָך ווערען אַ פאָטער פון אַ גרויסען שטאַם, ווייל ער איז דאָך אַברהמ'ס קינד.

און דער מלאָך האָט איהר אָנגעוויזען אַ ברונים— האָט זי גענומען דעם יונג און אָנגעטרענקט איהם מיט וואַסער. און זי האָט זיך דאָרט בעזעצט ביים ברונים מיט איהר קינד.

דער יונג איז אויפגעוואַקסען און איז אין וואַלד גע־גאַנגען, האָט חיות געפאַנגען און דערפון זיך דער־נעהרט. דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט, קינדער געהאַט, און פון איהם זענען דאָס אַרויסגעקומען אַלע טערקען, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט. מחמת דעם רופט מען אָן ביי אונז דעם טערק דער „פעטער ישמעאל", ווייל אונזער פעטער ישמעאל איז געווען דער פאָטער פון אַלע טערקען.

אברהם פּטר׳שט׳וויסט הגר׳ן

יב

אברהם ביי ישמעאל אין מדבר

עס איז אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען, האָט אברהם זיך דערמאָנט אָן זיין אַרויסגעטריבענעם זוהן און האָט געוואָלט זעהן, וואָס ער מאַכט. האָט ער געוואָלט געהן אין מדבר איהם בעזוכען. האָט שרה מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט דאָרט ביי איהם פערבלייבען, האָט זי איהם בעשוואוירען, אַז ער זאָל נישט אַראָב פון אייזעל, נור אַהין רייטען און צוריק רייטען. איז אַברהם אין מדבר אָנגעקומען אין מיטען האַלבען טאָג, האָט ער דאָרט ישמעאל'ס ווייב געטראָפען פאַר'ן הייזעל שטעהן. האָט ער זי געפרעגט: „וואו איז ישמעאל?" האָט זי איהם געענטפערט: „ער איז מיט דער מוטער אין מדבר געגאַנגען פרוכטען און טייטלען ברענגען". האָט אברהם געזאָגט צו איהר: „גיב מיר אַ טרונק וואַסער, גיב מיר אַ שטיקעל ברויט—איך בין מיעד פון וועג". האָט זי אָבגעענטפערט: „מיר האָבען נישט קיין ברויט, און מיר האָבען נישט קיין וואַסער". האָט אַברהם איהר געהייסען: „אַז דיין מאַן ישמעאל וועט אַהיים קומען, זאָלסט דו איהם זאָגען: אַן׳אַלטער מאַן פון לאַנד כנען איז געקומען דיך זעהן, און ער האָט געזאָגט, אַז די שוועל פון דיין טיר איז נישט קיין גוטע".

איז ישמעאל אַהיים געקומען, האָט די ווייב איהם דאָס דערצעהלט.—האָט ער פערשטאנען, אַז דער פאָטער

איז דאָ געווען, און וואָס ער מיינט מיט זיינע רייד. האָט ער גענומען די ווייב און זי משלח געווען און האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער ווייב.

אין אַ צייט אַרום איז ווידער אַברהם געריטען אין מדבר ישמעאל׳ן זעהן. האָט איהם ווידער שרה בעשוואוירען, ער זאָל נישט אַראָב פון אייזעל, נור אַהין רייטען און צוריק רייטען. איז ער ווידער אָנגעקומען אין מיטען האַלבען טאָג, האָט ער געטראָפען ישמעאל׳ס ווייב פאַר׳ן הייזעל שטעהן. האָט ער זי געפרעגט: „וואו איז ישמעאל״? האָט זי אָבגעענטפערט: „ער איז געגאַנגען מיט דער מוטער די אייזלען פיטערן אין מדבר״. האָט איהר אַברהם געזאָגט: „גיב מיר אַ טרונק וואַסער, גיב מיר אַ שטיקעל ברויט—איך בין מיעד פון וועג״. האָט זי איהם געבראַכט, וואָס ער האָט געוואונשען. האָט אַברהם איהר געהייסען: „אַז דיין מאַן וועט אַהיים קומען, זאָלסט דו איהם זאָגען: אַן אַלטער מאַן פון לאַנד כנען איז דאָ געווען און דיר געוואונשען, אַז אַזוי ווי די שוועל פון דיין הויז איז גוט, אַזוי זאָל תמיד דיין הויז זיין פול מיט גוטס״.

איז ישמעאל אַהיים געקומען, האָט איהם די ווייב דערצעהלט, וואָס דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט. האָט ער פערשטאַנען, אַז דער פאָטער איז דאָ געווען, און אַז ער איז צופרידען פון זיין הויז. האָט ער אַרומגעכאַפּט די ווייב און האָט זי געקושט און ער האָט זיך זעהר, זעהר געפרעהט.

י״ג

עקדת יצחק

אברהם איז שוין דאַן זעהר רייך געווען און האָט געהאַט זעהר פיעל שעפּסען, אָקסען און רינדער, אַ גרויס שטיק פעלד און איז געווען אַ קעניג איבער דעם אָרט, וואו ער האָט געוואוינט. זיין קלײנער זוהן יצחק האָט זיך אויפגעצויגען, און די מוטער שרה האָט איהם געליעבט און נאָכגעגעבען איהם ביז גאָר, אַזוי ווי מען גיט נאָך אַ בן-יחיד, און נאָך דערצו אַ בן-זקונים׳ל.

אַז די מוטער האָט איהם אָנטוועהנט, האָט אַברהם געמאַכט אַ גרויסאַרטיגע סעודה פאַר דער גאַנצער וועלט. אין גאָלדענע כלים האָט מען דעם עסען דערלאַנגט, אין גאָלדענע בעכער האָט מען דעם וויין אָנגעגאָסען.

קומט צו געהן דער שטן צו גאָט און זאָגט אַזוי:

— זעהסט, רבונו של עולם, פאַר דער גאַנצער וועלט האָט ער געמאַכט אַ מאָלצייט, און דיר, וואָס דו האָסט דאָך איהם געשאָנקען דעם זוהן, האָט ער אַפילו קיין טויב נישט געבראַכט!”

זאָגט גאָט: „די גאַנצע סעודה האָט ער דאָך נור געמאַכט צוליעב זיין זוהן יצחק׳ן, און אַז איך וועל פון איהם וועלען יצחק׳ן, וועט ער מיר איהם אָבגעבען”.

זאָגט דער שטן: „לאָמיך זעהן”.

זאָגט גאָט: „אָט, וועסט דו זעהן”.

האָט זיך גאָט בעוויזען צו אַברהמ׳ען אויפ׳ן פעלד, בשעת ער האָט געגראָבען אַ ברונים, און האָט געזאָגט צו איהם:

— אַברהם, שעכט דיין זוהן יצחק׳ן אַ קרבן פאַר מיר.

האָט אַברהם געזאָגט: „גוט".

אין אַ שענעם פריהמאָרגען האָט זיך אַברהם אויפגע־הויבען, געזאָטעלט זיין אייזעל, גענומען האָלץ און געגאַנגען אויפוועקען יצחק׳ן. יצחק איז נאָך דאַן אַ יונגעל געווען און איז געשלאָפען מיט דער מוטער. ווי שרה האָט געזעהן, אַז אַברהם וועקט דאָס קינד אויף און וויל איהם מיט־נעהמען, האָט זי געפרעגט: „וואו אהין פיהרסט דו מיר דאָס קינד?"

זאָגט אַברהם: „עה, דו מאַכסט מיר איהם גאָר קאַליע, מוטער שרה. דער יונג ווערט דערוואַקסען, מען דאַרף איהם לעהרנען, און דו האַלטסט איהם אין איין ליעב האָבען. מען דאַרף איהם אין חדר אָבגעבען, מיין ווייב שרה".

האָט שרה איינגעזעהן, אַז דער מאַן האָט רעכט, האָט זי אַליין נאָכגעגעבען. מיט טרערען אין די אויגען האָט זי דעם פעקיל געמאַכט פאַר׳ן קינד אין וועג אַריין און האַרציג זיך מיט איהם געזעגענט. שווער איז אָנגע־קומען אַברהמ׳ען איהם פון די מוטערס אָרעמס אַרויס־צונעהמען, און ער האָט געשריגען: „שוין גענוג, שוין גע־נוג!"—און גענומען דעם יונגעל מיט זיינע מענשען און גע־לאָזען זיך אין וועג אַריין.

האָט זיך דער שטן פערשטעלט פאַר אַן׳אַלטען מאַן און איז אַברהמ׳ן אַקעגען געקומען. פרעגט ער איהם:

— וואו אַהין געהסטו דו אַברהם?

061

— איך געה גאָט בעטען—ענטפערט אַברהם.

— און צו וואָס דאַרפסט דו דעם חלף מיט די האָלץ?

— אפשר וועלען מיר זיך דאָרט פערזוימען, וועט מען עפּים צו עסען מאַכען.

זאָגט דער שטן:

— אַלטער נאַר! דו מיינסט, איך ווייס נישט, אַז דו געהסט דיין זוהן שעכטען? הונדערט יאָהר האָסט דו געוואַרט אויף איהם, יעצט געהסט דו איהם פאַר גאָט שעכטען!

זאָגט אַברהם: „גאָט הייסט אַזוי".—און לאָזט איהם שטעהן און געהט ווייטער.

האָט דער שטן געזעהן, אַז ער קען גאָרנישט מיט איהם מאַכען, נעהמט ער און ווערט מגולגל אין אַ טייך און פערשטעלט אַברהמ׳ען דעם וועג. געהט אַברהם אין טייך אַריין ביז׳ן האַלז. שרייט גאָט אָן אויפ׳ן טייך, ווערט ער באַלד אויסגעטריקענט.

אַז עס איז געקומען דער דריטער טאָג, האָט אַברהם עפּים פון דערווייטענס דערזעהן. פרעגט ער זיינע יונגען: „זעהט איהר עפּים פון דערווייטענס?"—ענטפערן זיי: „מיר זעהען גאָרנישט".—פרעגט ער יצחקן, זאָגט יצחק: „איך זעה אַ וואונדערשענעם הויכען באַרג, און וואָלקענס רוהען אויף איהם". דאָס האָט גאָט געהייסען די אַרומיגע בערג, זיי זאָלען זיך צוזאַמענקומען, און עס זאָל ווערען פון זיי איין באַרג, וואָס איבער איהם זאָל די שכינה שיינען. דערפון איז געוואָרען דער באַרג מוריה, וואָס אויף איהם וועט דער בית-המקדש שטעהן.

האָט אַברהם איבערגעלאָזט זיינע יונגען אויף יענעם

אָרט און גענומען יצחקן אַליין, אָנגעלאָדען אויף איהם די האָלץ און געפיהרט איהם צו די בערג, וואו דער קרבן זאָל געבראַכט ווערען.

אַז יצחק האָט געזעהן, אַז דער פאָטער פיהרט מיט זיך האָלץ, פרעגט ער: „טאַטע, וואו אַהין געהען מיר?"

ענטפערט אַברהם: „אַ קרבן ברענגען, מיין זוהן".

— און וואו איז דער שעפּסעלע? פרעגט יצחק: האָלץ האָבען מיר און אַ שעפּסיל האָבען מיר נישט.

— דעם שעפּסעלע, דעם שעפּסעלע, מיין קינד-דאָס וועלען מיר שוין זעהן.

אַז זיי זענען אָנגעקומען צום באַרג, וואו דער קרבן האָט געזאָלט געבראַכט ווערען, זאָגט אַברהם צו יצחקן: „דער שעפּסעלע—דאָס ביסט דו, מיין קינד. ווילסט דו פאַר גאָט אַ קרבן ווערען?"

זאָגט יצחק: „יאָ, מן הסתם, אַז גאָט וויל אַזוי, דאַרף אַזוי זיין. נור ווייסט דו וואָס, טאַטע? איך האָב דאָך מורא, טאָמער וועל איך זיך נישט לאָזען שעכטען—בינד מיר די הענד צו, כדי איך זאָל מיך נישט קענען ווערען. און מיין מאַמען שרה זאָלסט דו גאָרנישט זאָגען דערפון, איך האָב מורא, זי וועט עס נישט אַריבערטראָגען. נור אין אַ צייט אַרום גיב איהר אָב מיין אַש, וועט זי כאָטש אַן אָנדענקען האָבען פון איהר בן-יחיד. אָבער וואָס וועט איהר טון אויף דער עלטער אָהן מיר?..."

זאָגט אַברהם: „קינד, מיר זענען שוין אַלטע לייט, מיר וועלען עס סיי ווי סיי נישט לאַנג איבערטראָגען. אָבער עס איז פערפאַלען, מיין קינד, גאָט פערלאַנגט דאָס פון אונז, מוזען מיר איהם האָרכען, דען גאָט ווייס, וואָס ער טוט".

זאָגט יצחק: „טאַטע, בינד מיך. איך בין גרייט...“
איז געגאַנגען אַברהם, האָט אַראָבגענומען די האָלץ פון יצחקס פּלייצעס, אָנגעלעגט אויפן מזבח צו פאַר־ברענען און האָט גענומען יצחקן און האָט איהם געבונדען די הענטלעך און די פיסלעך, ווי מען בינט אַ שעפּסעלע, און איהם אַרויפגעלעגט אויפן מזבח. און נאָך אַ מאָל איהם געפרעגט: „ביזט גרייט, מיין קינד?“
ענטפערט יצחק: „יאָ, טאַטע, איך בין גרייט“.
האָט אַברהם גענומען דעם מעסער און איז געגאַנגען שעכטען יצחקן. ווי ער שטרעקט אַזוי אויס דעם מעסער צו יצחקס האַלז, קומט אַ מלאך אָנצופליהען פון הינטען און כאַפּט אָן דעם מעסער. קוקט זיך אַברהם אום און שרייט אויס מיט געבייזער: „ווער וויל מיר דאָס שטערען גאָטס געבאָט אויסצופיהרען?“.
זאָגט דער מלאך: „אַברהם, דו זאָלסט מיר גאָרנישט טון דעם יונגעלע. דאָס האָט דיך נור גאָט געוואָלט אויספּרובען — לאָז איהם אָב“
האָט אברהם געפרעגט: „ווער ביסט דו?“
האָט ער געענטפערט: „אַ מלאך פון גאָט“.
זאָגט אַברהם: „גאָט האָט מיר געהייסען שעכטען, זאָל ער אַליין קומען“.
האָבען זיך אויפגעעפענט די הימלען, און גאָט האָט אַראָבגערופען: „לאָז איהם אָב, אַברהם!“ — האָט ער יצחקן אָבגעבונדען. ווי ער קוקט זיך אַזוי אום, דערזעהט ער, ווי עס שטעהט אַ בעקעלע מיט די הערנער אַריינגעטאָן אין אַ פערווילדערטען קוסט און קען זיך נישט דערפון אַרויס־קריגען. האָט אַברהם גענומען דעם בעקעלע און געבונ־דען איהם מיטן שטריק, וואָס ער האָט געהאַט געבונדען

מיט איהר יצחקן. און יצחק האָט דעם בעקעלע אין קעפּיל געקושט, און געזאָגט אזוי: „בעקעלע, זיי דו מיין כפּרה! דיין בלוט, וואָס וועט פערגאָסען ווערען, זאָל זיין ווי מיין בלוט; דייע ביינדעלעך, וואָס וועלען פערברענט ווערען—זאָלען זיין ווי מיינע ביינדעלעך".

האָט אַברהם געבראַכט דעם בעקעלע אַ קרבן פאַר גאָט. איז באַלד גאָט אַראָבגעקומען אויף דר'ערד צו איהם און האָט איהם אַזוי געזאָגט:

— אַברהם, אַברהם! דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר דיין איינציגען זוהן געוואָלט פאַר אַ קרבן ברענגען, פער-בינד איך זיך מיט דיר אין אַ באַנד פון אייביגער פריינד-שאַפט, אויף תּמיד, תּמיד, מיט אַלע דיינע קינדער, וואָס וועלען געבוירען ווערען נאָך דיר. און דער אָרט, וואו דו האָסט געוואָלט דעם קרבן ברענגען, וועט זיין דער הייליגסטער אָרט פון גאָר דער וועלט. אויף דעם אָרט וועט דער בית-המקדש שטעהן, און אַהער וועלען קומען צו שווימען אַלע תּפילות פון דער גאַנצער וועלט, און זיי וועלען צו מיר אין הימעל אַרויפגעהן. און אַפילו דערנאָך, ווען די גוים וועלען דעם בית-המקדש צעשטערען, און די יודען וועלען זיין פערטריבען אין גלות אַריין, איז אומע-טום, וואו זיי וועלען נור זיין, זאָלען זיי שאַלען צו מיר אין אַ האָרן פון אַ שעפּס—דאָס הייסט: אַז זיי וועלען בלאָזען שופר,—וועל איך מיך דערמאָנען אן דעם בעקעלע און געדענקען, וואָס דו האָסט געוואָלט טון, און וועל זיי קיינמאָל נישט פערלאָזען ביז'ן היינטי-גען טאָג אַריין. און זאָלסט דו וויסען זיין, אַז איך וועל זיי צוריק אין זייער לאַנד אַריינברענגען און איך וועל זיי צוריק דעם בית-המקדש אויף דעם הייליגען אָרט אויפ-

אברהם פרעדט זיך מיט יצחק׳ן

שטעלען און איך וועל זיי דעם משיח שיקען.

האָט זיך אַברהם זעהר געפרעהט און געקושט יצחק'ן אין קאָפּ אַריין און איז מיט איהם פלינק אַהיים גע-גאַנגען צו זיין מוטער שרה, איהר אָנזאָגען די פרעהליכע בשורה.

נאָר דערווייל, איידער אַברהם איז אַהיים געקומען, איז דאָך שרה געווען אונרוהיג און האָט געבענקט נאָך איהר קינד. איז געגאַנגען דער שטן און האָט זיך פער-שטעלט פאַר יצחק'ן און אַרונטערגעשטעלט זיך אונטער שרה'ס פענסטער און האָט אָנגעהויבען צו וויינען מיט יצחק'ס שטים: „מאַמע, מאַמע, דער טאַטע האָט מיר שלעכטס געטאָן!"

פרעגט שרה: „וואָס האָט ער דיר געטאָן? קום אין שטוב אַריין, מיין קינד!"

ענטפערט דער שטן מיט יצחק'ס שטים: „איך קען נישט, מאַמע. דער טאַטע האָט מיך געשאָכטען, און די בּיסעלעך מיט די ביינדעלעך האָט ער פאַר די פייגעלעך אויף דעם דאַך געוואָרפען".

ווי שרה האָט דאָס דערהערט, איז איהר די נשמה אויסגעגאַנגען, און אַז יצחק איז אַהיים געקומען, איז ער שוין אַ יתום געווען.

ו״ד

אליעזר און רבקה

אברהם איז שוין געוואָרען אַן־אַלטער מאַן, און יצחק איז אונטערגעוואַקסען, צייט געווען חתונה צו מאַכען איהם—און קיין מוטער האָט ער נישט געהאַט. האָט אַברהם מורא געהאַט אַריינצונעהמען אַ שנור פון די כנענים, וואָס מיט זיי האָט ער געוואוינט, זי זאָל נישט אַיינפיהרען ביי איהם אין שטוב אַ גוי׳איש לעבען, און האָט געוואָלט נעהמען פאַר יצחק׳ן אַ ווייב פון דער היים, פון וואַנען ער קומט אַרויס. האָט ער גערופען זיין הויזפיהרער אליעזר,—דאָס איז געווען זיין געטרייסטער קנעכט,—און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

— מיין פריינד אליעזר! איך ווער שוין אַלט, און מיין זוהן וואַקסט אונטער. יעצט מוזט דו מיר צושווערען, אַז דו וועסט נישט נעהמען אַ ווייב פאַר מיין זוהן פון די היגע טעכטער, נאָר איך וויל, אַז דו זאָלסט אַהיים געהן אין מיין געבוירענלאַנד, פון וואַנען שרה קומט אַרויס, און פון דאָרט וועסט דו אויך נעהמען אַ פרוי פאַר מיין זוהן.

האָט איהם אליעזר דערויף צוגעשוואָרען. איז ער געגאַנגען און האָט מיטגענומען צעהן קעמלען און אַ סך מתנות און איז אַוועק אין אַרם נהרים, פון וואַנען אַברהם איז אַרויסגעקומען—אויסקלייבען אַ ווייב פאַר יצחק׳ן. איז ער אָנגעקומען קיין אַרם־נהרים, אין דער שטאָדט, וואו

אַברהמ׳ס ברודער נחור האָט געוואוינט, האָט זיך אָבגע־שטעלט הינטער דער שטאָדט נעבען דעם ברונעם און האָט ביי זיך אַזוי געטראַכט:

— איך וועל דאָ מיר שטעהן מיט מיינע קעמלען, און יענע מיידעל, וואָס וועט צוערשט אַרויסקומען צום ברונים, און איך וועל איהר זאָגען: „גיב מיר אַ טרונק וואַסער"—וועט זי מיר געבען צו טרינקען—איז עס אַ ווייב פאַר מיין האַר יצחק; וועט זי מיר אָבער נישט געבען צו טרינקען, איז עס נישט קיין ווייב פאַר מיין האַר.

ווי ער רעדט אַזוי צו זיך, קומט אַרויס צום ברונים רבקה, אַברהמ׳ס ברודערס אַנ׳אייניקעל, אַ שען יונג מיי־דעל. מיט אַ קרוג אויפ׳ן אַקסעל איז זי צוגעגאַנגען צום ברונים וואַסער שעפען. זאָגט צו איהר אליעזר:

— מיידעל, איך בין דאָרשטיג, גיב מיר אַ טרונק וואַסער פון דיין קרוג.

זאָגט די מיידעל: „טרינק געזונטערהייד", און האָט איהם דערלאַנגט דעם קרוג. דערנאָך האָט זי נאָך אַמאָל אָנגעשעפט און געזאָגט צו אליעזר׳ן:

— אפשר זענען דיינע קעמלען אויך דאָרשטיג—וועל איך זיי אָנטרענקען

נעהמט אליעזר אַרויס אַ האַלזבאַנד און שענקט איהר און פרעגט ביי איהר:

— וועמענס טאָכטער ביסט דו, מיין קינד? אפשר איז ביי דיין טאַטען דאָ אַנ׳אָרט איבערצונעכטיגען פאַר אונז?

זאָגט זי: „איך בין בתואל׳ס טאָכטער, לבן איז מיין ברודער, און אַברהם איז מיין משפחה. ביי אונז אין דער ...ם איז דאָ פיעל אָרט, און פוטער איז אויך דאָ פאַר

די בהמות. קום מיט מיר—וועסט דו נעכטיגען ביי אונז".

איז אליעזור געפאלען צו דר׳ערד און האט גאט גע־דאנקט פאר דעם חסד, וואס ער האט איהם צוגעשיקט אזא שען מיידעל, און נאך דערצו פון אברהמ׳ס משפחה. אזא גוטע, זי איז ווערט צו זיין יצחק׳ס כלה. און איז מיט איהר אהיים געגאנגען צו איהרע עלטערן.

ווי איהר ברודער לבן האט דערהערט, וואס פאר א מתנה זיין שוועסטער האט געקראגען פון דעם רייכען סוחר פאר א טרונק וואסער, איז ער איהם אויך אקעגען געלאפען מיט גרויס פרייד (ער האט געמיינט, ער וועט דא קריגען די גרויסע מתנות, ווארום ער איז געווען א קארגער יונג), און זאגט:

—קום צו אונז, סוחר! אט האב איך שוין די שטאל אויסגערייניגט פאר דיינע קעמלען, א געצעלט פאר דיר אויפגעשטעלט. זעץ זיך צום טיש, לאז, וועל איך דיר די פיס וואשען און ברויט דערלאנגען. קום, קום אין שטוב אריין!

זאגט אליעזור: „איך וועל זיך פריהער נישט צו טיש זעצען, איידער איך וועל אייך נישט פערצעהלען, צו וואס איך בין דא אהער געקומען".

האט ער זיי פערצעהלט די גאנצע מעשה: אז אברהם איז זעהר רייך און זעהר אלט און האט איין איינציגען שענעם זוהן יצחק׳ן, וואס פאר איהם וויל ער א ווייב נעה־מען פון דערהיים; און ווי ער, אליעזור, איז געשטאנען ביים ברונים און האט ביי זיך געטראכט, אז די מיידעל, וואס וועט צוערשט ארויסקומען און וועט איהם וואסער דערלאנגען, וועט ער זי פאר א כלה נעהמען פאר זיין האר, און ווי רבקה איז ארויסגעקומען, און ווי זי האט

אליעזר מיט רבקה'ן

איהם וואַסער געגעבען און די קעמלען אָנגעטרענקט. זי איז, זאָגט ער, די איינציגע, וואָס איז ווערט צו זיין די כלה פאַר זיין האַר, אַזאַ גוטע; בעט ער ביי זיי, אַז זיי זאָלען זי פאַר אַ שנור אַברהמ׳ען געבען.

ענטפערט דער פאָטער מיט׳ן ברודער: „ביי אונז איז דער מנהג, אַז מען דאַרף די מיידעל אַ דעה פרעגען".

האָבען זיי אַריינגערופען רבקה׳ן און זי געפרעגט. אויב זי וויל זיין אַ כלה פאַר יצחק׳ן. האָט רבקה אָבגעענטפערט: יאָ. האָט זיך אליעזר זעהר געפרעהט און האָט איהר אַ סך שענע מתנות געגעבען און אויך איהר פאָטער און איהר ברודער לבנ׳ען האָט ער אַ סך מתנות איבערגעלאָזט.

איז זי נאָך געווען אין דער היים אַ פּאָר טעג, און מען האָט געמאַכט סעודות, און זי האָט זיך אָבגעזעגענט מיט איהרע חבר׳טאָרינס. האָבען זי די עלטערן געוואָלט אין דערהיים נאָך האַלטען אַ פּאָר טעג, האָט אליעזר אָבער נישט געוואָלט, ער האָט זיך אַהיים געאיילט. האָט ער זי אויף אַן׳אייזעל אויפגעזעצט און געפיהרט זי צו אַברהמ׳ען.

אַז זיי זענען פאַר דער שטאָדט אָנגעקומען, וואו אברהם האָט געוואוינט, איז יצחק אַקעגען געגאַנגען זיין כלה. אַז רבקה האָט דערזעהן אַזאַ שענעם יונגען מאַן געהן, האָט זי געפרעגט אליעזר׳ן:

— ווער איז דער שענער יונגער מאַן, וואָס געהט אונז אַקעגען?

האָט איהר אליעזר אָבגעענטפערט: „דאָס איז דיין חתן".

האָט זי זיך זעהר פערשעמט, און פאַר בושה האָט זי זיך מיט אַ טיכעל דעם פּנים און די האָר פערשטעלט.

איז יצחק אָנגעקומען, האָט ער זי בּיי דער האַנד אָנגענומען און געפיהרט זי אין זיין מוטער שרה׳ס שטוב אַריין. האָט ער איהר דעם פּנים אויפגעדעקט און געזעהן, אַז זי איז זעהר שען—האָט ער זיך זעהר געפרעהט און האָט זי זעהר, זעהר ליעב געקראָגען און מיט איהר החתונה געהאַט אין גליקליך מיט איהר געלעבּט.

און דער אַלטער אַבּרהם איז בּיי זיי נאָך געוועזן אַ שטיק צייט און האָט געזעהן, ווי די קינדער האָבּען זיך ליעבּ, האָט ער דערפון נחת געהאַט. דערנאָך איז ער געשטאָרבּען אין אַ שענעם עלטער—האָט מען איהם בּעגראָבּען נעבּען שרה׳ן אין דער מערת=המכּפּלה, וואָס ער האָט געהאַט געקויפט פון די בּני=חת פאַר פינף הונדערט גולדען פאַר אַ בּעגרעבּעניש פאַר זיך מיט אַלע אָבות. אוו דאָרט ליגט ער בּעגראָבּען בּיז׳ן היינטיגען טאָג.

ט״ו

יעקב און עשו

יצחק און רבקה האָבען קיין קינדער נישט געהאַט. איז יצחק געשטאַנען אין איין ווינקעל און האָט געבעטען אויף קינדער, און רבקה איז געשטאַנען אין אַ צווייטען ווינקעל און האָט געבעטען אויף קינדער. האָט גאָט געהערט זייער געבעט, איז רבקה טראָגעדיג געוואָרען. האָט זי געטראָגען אַ צווילינג מיט אַמאָל, יעקב׳ן מיט עשו׳ן. האָבען זיך די ביידע קינדער געקריגט ביי איהר אין בויך: איז זי געגאַנגען פאַרביי אַ בית־המדרש, האָט יעקב געוואָלט אַרויסשפרינגען און געהן אין בית־המדרש אַריין; איז זי פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ טומאָה, האָט עשו געוואָלט אַרויסשפרינגען און געהן אין טומאָה אַריין. האָט זי נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס.

איז זי אונטערגעגאַנגען צום רב פרעגען אַ שאלה. האָט מען איהר געזאָגט, אַז צוויי פעלקער טראָגט זי אין איהר בויך, יודען און גוים, נאָר די גוים וועלען דיענען צו די יודען. וואָס האָבען זיי זיך געקריגט? יעקב האָט געוואָלט רעגירען איבער דער וועלט, און עשו האָט גע־וואָלט רעגירען איבער דער וועלט. צום סוף האָבען זיי שלום געשלאָסען און אָבגעמאַכט צווישען זיך, אַז עשו וועט רעגירען אויף דער וועלט, און יעקב וועט דערפאַר

האָבען די צווייטע וועלט. האָבען זיי זיך איינגעשטילט און זענען רוהיג געוואָרען.

אַז עס איז געקומען די צייט, אַז זי זאָל זיי געבוי־רען, האָט יעדער איינער געוואָלט אַרויסגעהן פריהער פון בויך, ווייל יעדער האָט געוואָלט זיין דער בכור און האָ־בען די בכורה. נאָר עשו איז געווען שטאַרקער, האָט ער יעקב׳ן אַוועקגעשטופּט און איז פריהער אַרויס. ער איז געווען אַ רויטער און אין גאַנצען בעוואַקסען מיט האָר,— דעריבער זאָגט מען: „רויט ווי עשו". יעקב האָט איהם אָבער אָנגעכאַפּט ביים פוס און האָט איהם געוואָלט איינהאַלטען, האָט ער זיך נאָך איהם אַרויסגעשלעפּט

אַז די זיהן זענען דערוואַקסען געוואָרען, איז יעקב געגאַנגען אין שם־ועבר׳ס בית־המדרש אַריין תורה לער־נען, און עשו איז געגאַנגען אין פעלד אַריין—חיות פאַנגען. יצחק אָבער איז שוין אַלט און בלינד געווען, האָט איהם עשו געבראַכט פון פעלד די געפאַנגענע חיות און געמאַכט פאַר איהם מאַכלים. האָט דער עסען געשמעקט יצחק׳ן, און ער האָט דערפאַר עשו׳ן ליעב געהאַט. רבקה האָט אָבער געזעהן, ווי יעקב זיצט גאַנצע טעג אין בית־המדרש און לערנט, און פון איהם וועט אויסוואַקסען אַ לייט, האָט זי יעקב׳ן ליעב געהאַט.

אַמאָל האָט יעקב געהאַט אָבגעקאָכט זיך אַ טאָפּ רויטע לינזען. איז עשו אַהיים געקומען פון אַ גאַנצען טאָג אַרומלויפען. זאָגט ער צו יעקב׳ן:

— גיב מיר פון דיינע לינזען!

זאָגט צו איהם יעקב: „אַז דו וועסט מיר פערקויפען די בכורה, וועל איך דיר אַוועקגעבען דערפאַר דעם גאַנ־צען טאָפּ".

עשו איז געווען אַ גראָבער יונג, האָט ער נישט גע־וואוסט, וואָס די בכורה איז — זאָגט ער:

— פֿײ ווי פֿײ וועל איך שטאַרבען — נעהם דיר די בכורה.

האָט ער פֿערקויפֿט יעקב'ן די בכורה, און יעקב האָט אידם אָבגעגעבען דעם טאָפּ לינזען. דעריבער זאָגט מען: „עשו האָט פֿערקויפֿט די בכורה פֿאַר אַ טאָפּ לינזען".

ט״ג

יצחק בענשט יעקב׳ן

די עס איז שוין געזאָגט, אויף דער עלטער איז יצחק בלינד געוואָרען און האָט שוין געהאַל־טען פאַר׳ן שטאַרבען. עס איז געווען דער ערשטער טאָג פסח, ווען די ערד שמעקט, און דער טוי פאַלט איבער דער ערד און טרענקט זי אָן, אַז זי זאָל שען בליהען. רופט יצחק צו עשו׳ן און זאָגט צו איהם:

— מיין זוהן, דער פריהלינג איז געקומען, און די ערד וואַרט אויף אַ ברכה. געה, נעהם דיין פייל און בוי־גען און געה אין פעלד אַרוים און פאַנג פאַר מיר אַ חיה׳־לע און מאַך מיר אַ שען געריכט און ברענג עס מיר. אַז איך וועל עס עסען, און עס וועט מיר שמעקען, וועל איך דיך בענשען, מיין זוהן, פאַר׳ן טויט און דיר איבער־געבען די אַלע ברכות, וואָס מיין פאָטער אברהם האָט מיר איבערגעגעבען פאַר׳ן טויט.

האָט דאָס רבקה געהערט הינטער דער טיר. האָט זי גערופען איהר זוהן יעקב׳ן און זאָגט צו איהם אַזוי:

— געה, מיין זוהן, אין שטאַל אַריין, נעהם פון דאָרט אַ ציקעלע אַרוים, ברענג עס מיר, וועל איך פאַר׳ן טאַטען אַ געריכט צוגרייטען, אַזוי ווי עס שמעקט איהם. און דו געה אַריין צום טאַטען, פערשטעל זיך פאַר עשו׳ן און דערלאַנג דעם געריכט—זאָל ער דיך בענשען פאַר׳ן טויט.

זאָגט יעקב: „עשו איז דאָך אַ האָריגער,—וועט דאָך מיך דער טאַטע דערקענען".

זאָגט רבקה: „טו אָן אויף די הענד פעלכלעך, וועט ער דיך שוין נישט דערקענען".

האָט יעקב אַזוי געטאָן, ווי די מוטער האָט איהם געהייסען: געשאָכטען צוויי ציקעלעך און זיי געבראַכט דער מוטער. האָט די מוטער עס צוגעגרייט, אַזוי ווי דער פאָטער האָט עס ליעב. אין קאַמער זענען נאָך געהאַנגען עשו'ס יום־טוב'דיגע קליידער, וואָס דאָס זענען געווען אָדמ'ס ערשטע פעלד־קליידער, און עשו האָט זיי בירושה געקראָגען פון ערשטען פעלד־יעגער נמרד'ן. האָט רבקה גענומען די קליידער און אָנגעטאָן יעקב'ן און די פעל־כלעך אויף די הענד אַרויפגעלעגט און דעם פייל און בויגען אויפ'ן רוקען אויפגעהאַנגען, און ער איז אַריין מיט'ן געריכט צום פאָטער.

האָט ער נאָכגעמאַכט עשו'ס שטים און האָט געדרו־פען הויך: „שטעה אויף, טאַטע! נאַ, איך האָב דיר גע־בראַכט צו עסען".

זאָגט יצחק צו איהם: „וואָס ביסט דו עס היינט אַזוי פריה צוריקגעקומען, מיין זוהן?"

זאָגט יעקב: „גאָט האָט מיר געהאָלפען, און איך האָב באַלד אַ חיה'לע געטראָפען.

זאָגט צו איהם יצחק: „אָך, דו ביסט פרום געוואָ־רען, מיין קינד, און דערמאָנסט גאָטס נאָמען".

זאָגט יעקב: „איך האָב געהערט דיין שטראָף, טאַ־טע, און פון היינט אָן וועל איך זיך בעסערן און וועל שוין פרום זיין".

 זאָגט יצחק: „קום נאָר אַהער צו מיר, מיין קינד,

לאָז מיך דיך נאָר אָנטאַפּען, זעהן, אויב מיט אַ נ׳אמת ביזטו עשו".

איז יעקב צו איהם צוגעגאַנגען, האָט יצחק איהם אָנגעטאַפּט די הענד, קלאַפּט יצחק מיט די ליפּען און זאָגט:

— הענד האָסט דו עשו׳ס, און רעדען רעדסט דו, ווי יעקב. קום אַהער צו מיר, מיין קינד, און דערלאַנג מיר דאָס עסען!

האָט יעקב דערלאַנגט איהם די שפּייז, וואָס די מוטער האָט געהאַט צוגעגרייט, און עס האָט יצחק׳ן זעהר געשמעקט.

און בשעת יעקב האָט זיך דערנעהנטערט צו יצחק׳ן, האָט גאָט געשיקט אַ ריח פון גן-עדן און אָנגעפילט דער-מיט די שטוב. פרעגט יצחק:

— וואָס שמעקט דאָס אַזוי, מיין קינד?

ענטפערט יעקב: „דאָס שמעקען מיינע קליידער אַזוי, ווייל איך בין אין זיי אַ גאַנצען טאָג אין פעלד".

זאָגט יצחק: „קום אַהער צו מיר — וועל איך דיינע קליידער שמעקען, און קוש מיך".

יעקב איז אָבער געגאַנגען אָנגעטאָן אין עשו׳ס קליי-דער, וואָס זיי האָבען געהאַט אין זיך דעם געשמאַק פון פעלד נאָך פון אָדם הראשון אָן און פון נמרד׳ן אָן, וואָס זיי האָבען זיי שטענדיג געטראָגען אין פעלד. שמעקט יצחק די קליידער און זאָגט:

— אָך, דו שמעקסט, מיין זוהן, אַזוי ווי דער ריח פון פעלד, וואָס גאָטס ברכה ליגט אויף איהם. גאָט זאָל דיר טאָקע געבען טוי פון הימעל, און די ערד זאָל דיר פעט זיין, און די פיש זאָלען זיך דיר אין די טייכען

מעהרען. פעלקער זאָלען צו דיר דיענען, לענדער זאָלען דיר אונטערטעניג זיין. אַ האַר זאָלסט דו איבער דיין ברו־דער זיין און מיין טאַטען אַברהמ׳ס ברכה גיב איך דיר! ווען דו וועסט בענשען, דער זאָל זיין געבענשט; ווע־מען דו וועסט שילטען, דער זאָל זיין פערשאָלטען.

האָט יצחק גרויסגעטאָן די הענד אויף יעקב׳ס קאָפּ און האָט איהם אַזוי געבענשט.

עשו איז דערווייל געשטאַנען אין וואַלד און האָט געפאַנגען געווילד מיט זיין פייל און בויגען. ווי ער האָט אַ הירשעל געכאפּט, האָט ער איהם צו אַ בוים צוגעבונ־דען. איז דערווייל געקומען דער שטן און האָט איהם אויפגעבונדען און געלאָזט אין פעלד אַריין. האָט ער אַ צווייטען הירש געפאַנגען, איהם אָנגעבונדען צו אַ שטאַר־קען בוים—איז ווידער דער שטן געקומען, איהם ווידער אויפגעבונדען און אין וואַלד געלאָזט. האָט עשו זיך אַזוי אַרומגעיאָגט מיט דעם געווילד אַ גאַנצען טאָג, ביז יצחק האָט געבענשט יעקב׳ן. קעגען פאַרנאַכט האָט ער שוין איינעם געפאַנגען, פלינק אַוועק אַהיים—אָבגעבראָטען איהם, אַ געריכט צוגעגרייט און איז דערמיט אַריין צום פאָטער און שרייט מיט עשו׳ס קול:

— טאַטע, הויב דיך אויף! איך האָב דיר עסען גע־בראַכט, און בענש מיך, טאַטע!

פרעגט יצחק: „ווער ביסט דו?״.

ענטפערט עשו: „דערקענסט מיך נישט, טאַטע? איך בין דאָך דיין עלטסטער זוהן עשו״.

זאָגט יצחק: „אוי וועה! און ווער איז דאָס דער, וואָס איז ערשט וואָס ביי מיר געווען? איך האָב דאָך איהם אַלע ברכות אַוועקגעגעבען!״.

ווי עשו האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען און צו וויינען מיט אַ שרעקליך קול:

— בענש מיך אויך, טאַטע! איך וועל ניט פריהער אַוועקגעהן. בענש מיך, טאַטע!

זאָגט יצחק: „וואָס זאָל איך טון? יעקב האָט אַלע ברכות אויסגענאַרט פון מיר. פאַר אַ האַר איבער דיר האָב איך איהם שוין געמאַכט, און דעם טוי פון הימעל האָב איך איהם געשאָנקען; פאַר דיר איז שוין גאָרנישט איבערגעבליבען.

זאָגט עשו צום פאָטער: „דעם צווייטען מאָל גענאַרט ער מיך שוין אויס! פאַר אַ טאָפּ לינזען האָט ער מיר די בכורה אויסגענאַרט, און יעצט נאָך דעם טאַטענס ברכות! איך וועל איהם נישט שווייגען. בענש מיך אויך, טאַטע! איך וועל ניט אַוועקגעהן, בענש מיך!

אַזוי האָט עשו געוויינט און געשריגען. זאָגט יצחק:

— דיין ברודער זאָלסט דו דיענען, וועט דיר גוט זיין. נור, אַז יעקב וועט שלעכטס טון, דענסטמאָל וועסט דו דיך קענען בעפרייען פון איהם. און אויף דיין שווערד זאָלסט דו לעבען, און די ערד דיינע זאָל דיר גוט זיין, און טוי פון הימעל זאָלסט דו אויך האָבען.

האָט איהם יצחק אויך געבענשט.—איז עשו אַרויס פון פאָטער און האָט זיך געטראַכט:

— לאָז נאָר דער אַלטער שטאַרבען—וועל איך זיך שוין מיט יעקב'ן אָברעכענען.

[library stamp]

יז

יעקב אנטלויפט פאר עשון

בקה האט מורא געהאט, אז עשו זאל יעקב'ן קיין שלעכטס נישט טון. איז זי געגאנגען אמאל אין א פארנאכט ארויס שפאצירען אין פעלד מיט יעקב'ן. זאגט צו איהם די מוטער אזוי:

— וואס זיצט דו, מיין קינד, אין דער היים? דיין ברו־דער איז דאך אויף דיר אין כעס, איך האב מורא, אז ער זאל דיר קיין שלעכטס נישט טון. געה אהין צו מיין ברודער לבן, זיי ביים פעטער א ביסעל צייט, ביז דער כעס פון דיין ברודער וועט זיך שטילען. אגב, איז שוין צייט, אז דו זאלסט וועגען א שטיקעל תכלית זעהן, דו ביזט שוין דערוואקסען און דארפסט חתונה האבען. איך וויים, טאמער וועט דער רבונו של עולם העלפען, און דו וועסט דארטען געפינען דיין זווג. ווארום איך וועל עס נישט איבערטראגען, אז דו וועסט נעהמען פון דאגען א גויה פאר א ווייב.

זאגט יעקב: „גוט, מאמע, איך וועל געהן".

איז רבקה אריין צו יצחק'ן און האט מיט איהם גערעדט:

— דאס קינד „געהט אוועק אין דער וועלט אריין", געזעגען זיך מיט איהם.

האט יצחק אריינגערופען יעקב'ן און האט זיך מיט

איהם איבערגעבעטען, געזעגענט און געבענשט איהם און זאָגט צו איהם:

— איך זעה, אַז דו ביסט טאַקע לייטישער פאַר דיין ברודער, און דיר האָב איך געדאַרפט איבערגעבען די ברכות, וואָס איך האָב פון מיין טאַטען אַברהם. געה, מיין קינד, געזונטערהייד, און זאָל דיר גאָט בעשערען, אַז דו זאָלסט קריגען דיין אמת׳ען זווג און זאָלסט דיך מעהרען און שטאַרקען—און זאָלסט ווערען אַ פאָטער פון אַ שטאַרקען פאָלק.

האָט איהם יצחק געקושט און זעהר האַרצליך זיך מיט איהם געזעגענט. און די מוטער האָט געוויינט, איהם דעם פעקיל געמאַכט אין וועג אַריין. קיין געלד פון דער־היים האָט זי איהם נישט מיטגעגעבען, האָט מורא גע־האָט פאַר עשו׳ן, נאָר בעגלייט איהם אַ שטיק וועג הינ־טער דער שטאָדט ארוים, און זאָגט צו איהם:

— האָב נישט קיין מורא, מיין קינד, גאָט וועט דיר ביישטעהן. געה צו מיין ברודער, ער האָט שענע טעכ־טער,—טאָמער, וויים איך וואָס?—וועט דיר גאָט העלפען.

האָט זי זיך האַרצליך אָבגעזעגענט מיט איהר זוהן און איז צוריק אַהיים געגאַנגען.

און יעקב האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. גאָר נישט מעהר מיטגענומען, נאָר דעם שטעקען אין האַנד, דעם פעקיל אויפ׳ן פלייצע און דעם פאָטערס ברכות, וואָס האָבען שוין גערוהט אויף זיין קאָפּ. ווי ער געהט אַזוי איינער אַליין אין וועג, טראַכט ער זיך און זאָגט צו זיך:

— אַך, ווען דער רבונו של עולם העלפט מיר, ווי ער האָט געהאָלפען מיין זיידען אַברהם און מיין פאָטער

יצחק בענשט יעקב׳

יצחק—וועל איך דיענען צו איהם און וועל אָנזאָגען מיינע קינדער פאַר מיין טויט, אַז זיי זאָלען אויך דיענען צו איהם, און איך וועל זיך בעהעפטען אָן איהם און גלוי־בען אין איהם שטענדיג.

אַזוי האָט ער זיך געטראַכט און איז אין זיין וועג בעגאַנגען.

עשו, דערווייל, האָט געזעהן, אַז יעקב איז אַוועק— האָט ער געפרעגט: „וואו איז יעקב?—האָט מען איהם גע־ענטפערט, אַז ער איז אַוועק חתונה האָבען. זאָגט עשו:

— איך וויל אויך חתונה האָבען, און וועל דעם טאַ־טען אַ נחת־רוח אָנטון און מיר נישט נעהמען קיין גויה פון דאַנען, נור פון טאַטענס משפחה.

איז ער אַוועק צו ישמעאל'ן אין מדבר אַריין און גענומען זיך זיינע אַ טאָכטער פאַר אַ ווייב, האָט זי צום פאָטער אַהיים געבראַכט און האָט זי געוויזען איהם:

— זעהסט, טאַטע, וואָס פאַר אַ ווייב איך האָב מיר גענומען? אַ יודיש קינד!

זאָגט דער פאָטער: „גוט, גוט".

יעדער איינער ציהט צו ס'זייניגע: עשו צו ישמעאל'ן.

יעקב איז דערווייל געגאַנגען אַליין אויפ'ן וועג און אַלץ געטראַכט וועגען גאָט. איז נאַכט געוואָרען, איז ער אָנגעקומען אויף אַן אָרט, וואָס דאָרט זענען געלעגען שטיי־נער. האָט ער גענומען די שטיינער און אַרומגעלעגט אַרום זיך, אַז די חיות זאָלען איהם נישט אויפעסען, און דעם גרעסטען שטיין האָט ער זיך געלעגט צו־קאָפּענס און זיך אַנידערגעלעגט.

ווי ער איז געלעגען אַזוי, האָבען זיך די שטיינער אָנגעהויבען צו קריגען איינער מיט'ן צווייטען: יעדער האָט

געוואַלט ליגען אונטער יעקבֿ׳ס קאָפּ. דען דער אָרט איז פּונקט געווען דער זעלבער אָרט, וואו אַברהם האָט זיין פאָטער יצחק׳ן אויף דער עקדה געבראַכט, און די שטיי־נער זענען דאָס געווען די שטיינער נאָך פון מזבח, וואָס אַברהם האָט געהאַט געמאַכט פאַר גאָט.

ווי יעקבֿ איז איינגעשלאָפען, האָט ער געזעהן אין חלום, ווי אַ פייערדיגע לייטער שטעהט אויף פון דער ערד און גרייכט מיט׳ן שפּיץ אין הימעל אַריין, און מלאכים געהען אַרויף און אַראָב איבער דער לייטער פון הימעל אויף דער ערד, פון דער ערד אין הימעל אַריין. וואָרום דער אָרט איז דאָך געווען דער אָרט, וואו דער בית־המקדש האָט געזאָלט שטעהן—און דאָרט געפינט זיך דער שער הרחמים, וואָס אַלע טרערען פון מענשען און אַלע תפילות פון קינדער ברענגען די מלאכים דורך איהם צו גאָט אויף דער לייטער אין הימעל אַריין. האָט זיך גאָט טאַקע בעוויזען צו יעקבֿ׳ן און האָט צו איהם געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא, יעקבֿ, איך בין מיט דיר. איך בין דער גאָט, וואָס האָט זיך בעוויזען צו דיין זיי־דען אַברהם און צו דיין טאַטען יצחק. און אַזוי ווי איך בין געווען מיט זיי — וועל איך זיין מיט דיר,—און דיינע קינדער וועלען זיין מיין פאָלק—די יודען. זיי וועלען דינ־נען צו מיר, און פאַר זיי וועל איך דעם בית־המקדש אויפשטעלען אויף דעם אָרט, וואו דו נעכטיגסט. און דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס דו זעהסט, וועל איך זיי אַוועקגעבען, און זיי וועלען זיין מיינע קינדער, אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט שטעהן. זיי זיכער, יעקבֿ, איך וועל דיך נישט פער־לאָזען און אויספיהרען אַלץ, וואָס איך האָב דיינע על־טערן און דיר צוגעזאָגט.

ווי יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט איהם אַ גרויסע ציטערניש אַרומגענומען, און ער האָט געזאָגט:

— דער אָרט איז אַזוי פאַרכטערליך און הייליג! אַנדערש נישט — דאָ וועט אַמאָל דער בית־המקדש שטעהן.

האָט ער צוזאַמענגענומען די שטיינער, אַרויפגעלעגט איינעם אויפ'ן צווייטען, און אויף דעם שפּיץ שטיין האָט ער אייל געגאָסען און געזאַלבט דעם אָרט פאַר גאָט און האָט איהם גערופען „בית־אל" — דאָס איז טייטש: גאָטס אַ הויז, און ער האָט דאָרט אַ נדר געטאָן פאַר גאָט און האָט אַזוי געזאָגט:

— רבונו של עולם! אַז דו וועסט טאַקע זיין מיט מיר, אַז דו וועסט מיך נישט פערלאָזען, וועסט מיר געבען אַ שטיקעל ברויט צו עסען און אַ מלבוש אָנצוטון, און איך וועל בשלום אַהיים קומען צוריק צו מיינע עלטערן, — זאָל דאָ זיין דער הייליגער אָרט, וואו דיין בית־המקדש וועט שטעהן, און די שטיינער — די הייליגע שטיינער, וואָס פון זיי וועט דער בית־המקדש געבויט ווערען און מיינע קינדער וועלען קומען צו דיר דריי מאָל אין יאָהר און קרבנות דיר ברענגען און דיענען צו דיר.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען, ווי יעקב האָט געזאָגט. אויף דעם אָרט האָט מען טאַקע דערנאָך דעם בית־המקדש אויפגעשטעלט, און די שטיינער ליגען נאָך דאָרט ביז'ן היינטיגען טאָג. דאָס זענען די שטיינער פון כותל מערבי — דאָס איז די וואַנט, וואָס איז איבערגעבליבען פון בית־המקדש, וואָס טיטוס הרשע האָט פערברענט. און יודען קומען אַהין אַראָב צו יענער וואַנט און צינדען אין די שפּאַלטען ליכטלעך אָן און בעטען דאָרט פאַר

גאָט. איך בּין דאָרט געווען און האָב די שטיינער מיט
מיינע אויגען געזעהן: גרויסע זענען זיי און פיערקאַנטיגע.
און כ׳האָב אין זייערע שפּאַלטען אַ ליכטעל אָנגעצונדען
און מיט אַנ׳עדה יודען דאָרט מנחה געדאַווענט. און אַז
דער רבּונו=של=עולם וו״ט העלפען, און משיח וועט קו=
מען—וועט מען נעהמען די שטיינער און מען וועט ווידער
פון זיי דעם בּית=המקדש אויפשטעלען.

יח

יעקב מיט רחל'ן

פון דאָרט איז שוין יעקב אַוועק מיט אַ געטריי־מען האַרצען און מיט בטחון אויפ'ן רבונו־של־עולם, אַז ער וועט איהם העלפען.—איז ער געגאַנגען, געגאַנגען און איז אָנגעקומען פאַר אַ שטאָדט צו אַ ברונים צו. עס איז געווען אין מיטען טאָג, די זון האָט געשיינט, און דאָס גאַנצע לאַנד אַרום איז ווייס געווען, אָבגעברענט פון דער זון. ביים ברונים האָט ער געטראָפען דריי שעפער מיט טשערעדעס שאָף היי־ערן. וואָרום אויפ'ן מויל פון ברונים איז געלעגען אַ גרוי־סער שטיין, און די שעפער האָבען געוואַרט, ביז אַלע וועלען צוזאַמענקומען זיך, אַראָבקוילערן דעם שטיין, די סטאַדעס אָנטרייבען און אָנטרינקען די שאָף. פרעגט זיי יעקב:

— פון וואַנען זענט איהר, ברידער?

ענטפערן זיי: „פון חרן".

פרעגט ער זיי: „קענט איהר נישט איינעם ביי אייך לבן, דעם זוהן פון נחור?"

זאָגען זיי: „יאָ, מיר קענען איהם. זיין טאָכטער רחל פיטערט זיינע שאָף. זי וועט אַוודאי אויך באַלד אָנקומען צום ברונים".

פרעגט זיי יעקב: „פאַרוואָס טרענקט איהר נישט אָן די שעפסען?—עס איז דאָך נאָך גרויסער טאָג, קענט

איהר דאָך נאָך געהן צוריק אין פעלד אַריין פּאַשען".

זאָגען זיי: „דער שטיין איז צו שווער איהם אַראָבּצוקיילערן,—וואַרטען מיר, ביז אַלע שעפער וועלען זיך צוזאַמענקומען, וועלען מיר אינאיינעם דעם שטיין פון ברונים אַראָבקוילערן".

אַזוי ווי זיי רעדען, קומט אָן אַ מיידעלע מיט איהר סטאַדע, טרייבט שען און רוהיג אונטער די שעפסעלעך, ווי זי וואָלט זיך מיט זיי געשפּיעלט. זאָגען די שעפער:

— אָט קומט רחל אָן מיט לבנ'ס שאָף; זי איז אַ שעפערין.

ווי יעקב האָט זי דערזעהן, איז ער זעהער דערפרעהט געוואָרען—און עס איז איהם אינאיינעם זעהר טרויעריג געוואָרען, וואָרום ער האָט זי באַלד ליעב געקראָגען, אַזוי שען איז זי געווען. געהט ער צו צו איהר און זאָגט צו איהר אַזוי:

— שוועסטער, לאָז, איך וועל דיינע שאָף אָנטרענקען.

האָט ער גענומען אַליין דעם שטיין און אַראָבגעקיילערט איהם פון ברונים—אַזוי שטאַרק איז ער געווען— און אַלע איהרע שעפסען אָנגעטרונקען. האָבען זיך אַלע שעפער געוואונדערט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו רחל, האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד, געפאַלען איהר אויפ'ן האַלז און האָט זי אין דערשטיל געקושט, און ער האָט געוויינט. פרעגט איהם רחל:

— וואָס וויינסט דו, דו שענער שעפער? ווער ביזט דו דען, דו פרעמדער, וואָס דו ביזט אזוי גוט צו מיר?

ענטפערט ער איהר: „איך בין דיין שוועסטערקינד יעקב, מיין מאַמע רבקה איז דיין מוהמע".

האָט זי זיך זעהר דערפרעהט און זאָגט צו איהם:

— קום אַהיים צו אונז. בײַ אונז וועסט דו וואוינען; כּם איז דאָ אַ בעטיל פאַר דיר אָנגעגרייט.

איז זי פלינק אַהיים געלאָפען און פערצעהלט איהר פאָטער, אַז די מוהמע רבקה׳לעס זוהן יעקב איז געקומען צו זיי צו גאַסט. זענען איהם אַלע אַקעגען געלאָפען, איהר עלטערע שוועסטער לאה און איהר פאָטער לבן. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אַ סך געלד און מתנות מיטגעבראַכט— אַזוי ווי אַמאָל אַברהמ׳ס שליח אליעזר. וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז זיין פאָטער יצחק איז זעהר רייך. איז ער איהם געפאַלען אויפ׳ן האַלז, אַרומגענומען איהם און גע-קושט. זאָגט צו איהם יעקב:

— פעטער לבן! איך האָב גאָרנישט מיטגעבראַכט, נור דעם בלויזען שטעקען, וואָס איך האָב אין האַנד.

מאַכט לבן. אַ טרויעריגע מינע און זאָגט:

— ביזט דאָך אונזער משפחה, וועסטו בלייבען ביי אונז אַ שטיקעל צייט.

ענטפערט אָבער יעקב אָב: „מיין פעטער, דיין ברויט בחנם עסען וויל איך נישט. איך וויל ביי דיר אַרבייטען, איך וויל דיינע שאָף פאַשען”.

זאָגט צו איהם לבן: „און וואָס וועסט דו פערלאַנגען דערפאַר?”

זאָגט יעקב: „ווייסט דו וואָס, פעטער? דיין טאָכטער רחל געפעלט מיר, זי איז מיר צוערשט אַקעגען געקומען און איז געווען גוט צו מיר, און איך האָב זי ליעב. איך וועל גערן אָבדיענען ביי דיר זיבען יאָהר פאַר איהר, און גיב זי מיר פאַר אַ ווייב”.

— זאָגט לבן: „גוט”.

האָט זיך יעקב אַוועקגעשטעלט ביי לבנ׳ען דיענען

זיבען יאָהר—און עס איז בײַ איהם געװעזן װי זיבען טעג, װאָרום אַזױ ליעב האָט ער רחל'ן געהאַט.

לבן האָט אָבער געהאַט צװײ טעכטער: אײנע אַני־עלטערע—לאה און אײנע א יונגערע—רחל. לאה איז געװעזן אַ מיאוס'ע, האָט טריבע אױגען געהאַט, און רחל איז געװעזן אַ שענע. האָט לבן אױסגעקלערט אַ קונץ, װי אַזױ יעקב'ן צו גענאַרען און ניט צו האַלטען זײן הבטחה.



לבן מיט יעקב

יט

לבן גענאַרט יעקב׳ן

האָט יעקב אַזוי אָבגעדיענט ביי לבנ׳ען פאַר רחל׳ן זיבען יאָהר. רחל איז צו איהם אין פעלד אַרויסגעקומען, וואו יעקב האָט געפיטערט זיינע שאָף, און זיי האָבען ביידע געצעהלט די חדשים, די וואָכען און די טעג, ווי לאַנג עס איז נאָך צו זייער חתונה. געטריי איז יעקב געווען לבנ׳ען. איז אַ שעפעלע פערבלאָנדזשעט געוואָרען—איז ער געגאַנגען אין פעלד זי זוכען און פריהער נישט אַהיים געגאַנגען, ביז ער האָט זי נישט געפונען. איז אַ שעפעלע קראַנק געוואָרען און האָט נישט געקענט נאָך דער סטאַדע נאָכלויפען, האָט ער זי אויף די הענד גענומען און נאָכגעטראָגען. און די שאָף האָבען איהם אויך ליעב געהאַט. ער האָט קיינמאָל אויף זיי דעם הונט נישט אָנגערייצט, נור ער האָט זיי צוזאַמענגערופען מיט זיין שטים. די שאָף האָבען שוין געקענט זיין שטים—אַז זיי זענען זיך אין פעלד צעגאַנגען, האָט ער זיי גערופען, און ווי זיי האָבען נאָר געהערט זיין שטים, זענען זיי געקומען אַליין צו איהם צו לויפען.

אַזוי האָט ער געטאָן זיין אַרבייט געטריי—ביינאַכט האָט איהם אויפגעגעסען די קעלט, און ביי טאָג האָט איהם פערברענט די היץ. און ער האָט מיט רחל׳ן אָב-

געוואַרט אויף דער גליקליכער מינוט, ווען זיי וועלען שוין קענען נעהמען און חתונה האָבען.

איינמאָל איז רחל אַרויסגעקומען צו איהם אין פעלד אַ טרויעריגע און האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהם און האָט געשוויגען. פרעגט ער זי:

— וואָס איז מיט דיר דער מעהר, מיין כלה? פאַר־וואָס ביזט דו אַזוי טרויעריג? האָט דיך ווער בעליידיגט?

זאָגט זי: „ניין. נאַר, יעקב, איך האָב דיר צו פער־ברויען זעהר אַ טרויעריגע זאַך".

פרעגט ער זי: „וואָס איז?"

זאָגט זי: „איך האָב זיך איינגעהאָרכט הינטער דער טיר, ווי דער טאַטע האָט מיט דער מאַמען גערעדט וועגען דיר. און איך האָב געהערט, אַז זיי האָבען בעשטימט דיך אָבצונאַרען, אַנשטאָט מיר וועלען זיי דיר געבען מיין עלטערע שוועסטער לאָה פאַר אַ ווייב".

זאָגט יעקב: „דיין עלטערע שוועסטער האָב איך נישט ליעב, און זי פאַר אַ ווייב וויל איך נישט נעהמען. פאַר דיר אַרבייט איך, רחל, און נור מיט דיר אַליין וויל איך חתונה האָבען".

זאָגט רחל: „ווייסט דו וואָס, יעקב? לאָזען מיר זיך אַ סימן מאַכען. אַז עס וועט קומען אויף דער נאַכט, אַז מען וועט אונז אונטער דער חופה פיהרען, וועל איך דאָך זיין פערשטעלט, וועסט דו דאָך נישט וויסען, ווער עס שטעהט אונטער דער חופה—וועסט דו מיך פרעגען: „דאָס ביסט דו מיין כלה רחל?" וועל איך דיר ענטפערן: „דאָס בין איך, מיין ליעבער יעקב"—וועסט דו שוין דערקענען אַן מיין שטים, אַז איך בין רחל".

זאָגט ער: „גוט—אַזוי וועט בלייבען. און אַז איך וועל

נישט הערען דיין שטים, וועל איך פון אונטער דער חופּה אַרויסטרעטען און וועל דעם שדוך אָבלאָזען".

האָבען זיך שוין געהאַט געענדיגט מיט גרויס פרייד די זיבען יאָהר. איז יעקב געקומען צו לבנ'ען און זאָגט צו איהם:

— גיב מיר דיין טאָכטער רחל'ן. איך האָב דאָך אָבגעדיענט ביי דיר פאַר איהר זיבען יאָהר געטריי.

זאָגט לבן: „גוט, מיר וועלען געסט בעטען, מיר וועלען מאַכען אַ חתונה און שטעלען אַ חופּה".

האָבען זיי אָבגעשטימט אַ טאָג אויף חתונה. אַז עס איז געקומען פאַר דער חתונה, האָט רחל געזעהן, ווי מען פּוצט אוים איהר שוועסטער לאָה און מען מאַכט איהר נייע קליידער, האָט זי זיך געטראַכט: „דו פרעה דיך, און מיין חתן יעקב וועט מיך שוין דערקענען".

איז אָבער געקומען פאַר דער חופּה—און די מ׳טער איז צוגעגאַנגען און האָט לאָה'ן געבענשט, און מען האָט זי אונטער דער חופּה געפיהרט. האָט רחל געזעהן, ווי איהר שוועסטער לאָה פרעהט זיך אַזוי, האָט זי אויף איהר שטאַרק רחמנות געקראָגען און זי האָט ביי זיך געטראַכט: „אוי וועה! אַז יעקב וועט זי דערקענען, וועט ער דאָך פון דער חופּה אַוועקגעהן, וועט זי דאָך, נעביך, פערשעמט ווערען". האָט רחל נישט געקענט איבערטראָגען דעם צער, וואָס די שוועסטער וועט האָבען, האָט זי זיך געזאָגט: „ניין, גלייכער, אַז איך זאָל פערבלייבען זיצען, אַבי מיין שוועסטער זאָל נישט פערשעמט ווערען". האָט זי איהר שוועסטער לאָה פערטרויט דעם סימן, וואָס זי האָט זיך אָבגעמאַכט מיט יעקב'ן און איהר אָנגעזאָגט:

— אַז יעקב וועט דיך פרעגען: „ביזט דו דאָס

מיין כלה רחל?"—זאָלסט דו זיך גאָרנישט אָנרופען—נור איך וועל שוין שטעהן הינטער דיין רוקען און איך וועל איהם שוין אָבענטפערן פאַר דיר.

איז טאַקע אַזוי געווען. מיט איהרע אייגענע אויגען האָט רחל געזעהן, ווי מען פיהרט איהר שוועסטער אונטער איהר חתנ׳ס חופה, און זי האָט בעהאַלטען דעם צער אין זיך און געשלונגען די טרערען, כדי זי זאָל נישט טרויעריג מאַכען איהר שוועסטער, און די שוועסטער געקושט און געפרעהט זיך מיט איהר. און אַז מען האָט לאָה׳ן אַרונטערגעפיהרט אונטער דער חופה אַ פערשלייערטע, כדי יעקב זאָל זי נישט דערקענען, האָט זיך רחל אַרונטערגעשטעלט הינטער איהר רוקען. האָט יעקב לאָה׳ן אין דער שטיל געפרעגט:

— דאָס ביסט דו מיין כלה רחל?

האָט רחל געענטפערט הינטער לאה׳ס רוקען:

— יאָ, דאָס בין איך, מיין ליעבער יעקב.

האָט ער זי געפרעגט: „פאַר וואָס איז עפּיס דיין שטים אַזוי טרויעריג, מיין כלה?".

האָט רחל געענטפערט: „איך בעט, אַז דער רבונו של עולם זאָל אונז אַ גוטען מזל געבען".

זאָגט ער צו איהר: „זיי געטרייסט, מיין כלה. דער רבונו של עולם וועט אונז העלפען, און מיר וועלען האָבען אַ גוט לעבען".

האָט רחל אײַנגעשלונגען אין זיך די טרערען, אַז יעקב זאָל זי נישט דערקענען. אַזוי אַרום האָט יעקב מקדש געווען לאה׳ן.

דערנאָך, אַז מען האָט חתן כלה אַהיים געפיהרט, האָט זיך רחל אונטערן בעט בעהאַלטען. און אַז יעקב

האָט גערעדט צו לאה׳ן און געוואָלט פון איהר דעם שלייער אראָבנעהמען, זעהן, אויב זי איז רחל, האָט רחל אפּוירגערעדט פון אונטער׳ן בעט:

— איך שעם מיך, יעקב. טו מיר נישט דעם שליי-ער אוים.

האָט רחל געהערט, ווי יעקב קושט לאה׳ן און האָט זי זעהר ליעב, האָט זי דאָס אין דער שטיל איבערגע-טראָגען און האָט נישט מקנא געווען איהר שוועסטער. דערפאַר האָט זי די זכיה געהאַט אָנגערופען צו ווערען „די מוטער פון יודישען פאָלק". און צוליעב איהר זכות האָט גאָט געשוואוירען, אַז ער וועט די יודען צוריק אין ארץ ישראל ברענגען און משיח׳ן שיקען, ווי מיר וועלען עס שפּעטער בעשרייבען.

צו מאָרגענס אין דערפריה האָט יעקב געזעהן, אַז ער האָט גאָר חתונה געהאַט נישט מיט רחל׳ן, נאָר מיט לאה׳ן. איז ער דאָך געקומען צולויפען צו לבנ׳ען און האָט גע׳טענ׳עט:

— פאַרוואָס האָסט דו מיך גענאַרט? איך האָב דאָך דיך פאַר דיין טאָכטער רחל געדיענט זיבען האַרטע יאָהר!

ענטפערט לבן: „יאָ, אָבער ביי אונז פיהרט מען זיך נישט אַזוי; לאָה איז עלטער — דאַרף זי פריהער חתונה האָבען. אַז דו ווילסט רחל׳ן אויך פאַר אַ ווייב, מוזטו זיך אוועקשטעלען אָבדיענען נייע זיבען יאָהר—וועל איך דיר רחל׳ן אויך פאַר אַ ווייב געבען" (דעמאָלט האָט מען נאָך געמעגט האָבען צוויי ווייבער).

האָט זיך יעקב אַוועקגעשטעלט דיענען פאַר רחל׳ נייע זיבען יאָהר און האָט מיט איהר חתונה געהאַט,— אַזוי ליעב האָט ער זי געהאַט.

כ

יעקב אנטלויפט פון לבן

דער רבונו של עולם האָט אָבער געזעהען לאה׳ס צער, אַז יעקב האָט זי נישט ליעב, האָט ער איהר געשאָנקען קינדער. דער ערשטער, דער בכור איז געווען ראובן, דער צווייטער—שמעון, דער דריטער איז געווען דער פרומסטער—האָט מען איהם גערופען לוי—פון איהם קומען דאָס ארויס אלע לויים ביי יודען. נור דער פערטער איז געווען דער שטאַרקסטער פון אַלע ברידער, אַזוי שטאַרק ווי אַ לייב איז ער געווען. אַז ער איז בייז געווען, האָבען זיך איהם די האָר פון האַרץ אויפגעשטעלט און דורכגעשטאָכען זיין העמדיל. פון איהם קומען דאָס ארויס אַלע מלכים ביי יודען, אויך דוד המלך קומט אַרויס פון איהם.

רחל אָבער האָט גאָר קיין קינדער נישט געהאַט. האָט זי פאַר יעקב׳ן געוויינט, נאָר יעקב האָט זי געטרייסט און געזאָגט:

— דיר האָט גאָט געשאָנקען שענקייט, דיין שוועסטער האָט ער נישט בעשאָנקען מיט שענקייט—האָט ער איהר געגעבען קינדער.

האָט רחל געזאָגט: „וואָס טויג מיר די שענקייט, אַז איך האָב קיין קינדער נישט!"

האָט זי ביי גאָט געבעטען, אַז ער זאָל איהר די שענקייט אָבנעהמען און דערפאַר איהר קינדער געבען,

האָט גאָט אויף איהר רחמנות געקראָגען און האָט געזאָגט:

— דערפאַר, ווייל דו האָסט געוואָלט דיין שענקיט אַוועקגעבען, אַז דו זאָלסט קינדער האָבען—וועל איך דיר שענקען אַ זוהן, וואָס וועט זיין דער שענסטער מענש אויף דער וועלט.

האָט ער איהר געשאָנקען יוסף'ן, וואָס איז געווען דער שענסטער מענש אויף דער וועלט.

האָט יעקב מיטגענומען זיינע קינדער אין פעלד אַריין, וואו ער האָט געפיטערט זיינע שאָף, און ער האָט זיי אין הימעל געוויזען, וואו גאָט וואוינט. און אַז עס איז געקומען די נאַכט, און די שטערען זענען אויפ'ן הימעל אַרויס, איז יעקב געלעגען מיט זיינע קינדער אַרום די שאָף און ער האָט זיי פערצעהלט פון זיין זיידען אַברהם, ווי אַזוי ער האָט דערקענט דעם ריכטיגען גאָט און פון זיידען נח, וואָס ער האָט געמאַכט די תּיבה, און פון אָדמ'ן; און ער האָט זיי אויך געלעהרנט שעפער צו זיין.

אַז עס האָבען זיך געענדיגט די נייע זיבען יאָהר, וואָס יעקב האָט אָבגעדיענט לבנ'ען פאַר רחל'ן, זאָגט ער צו לבנ'ען:

— איך האָב דיר שוין גענוג אָבגעדיענט פאַר דיינע צוויי טעכטער. יעצט לאָז מיך פריי, עס איז שוין ציים, אַז איך זאָל אנהויבען פאַר זיך עפּיס צו זאָרגען. איך האָב קינדער, און מיינע קינדער ווערען דערוואַקסען.

זאָגט לבן: „איך וועל דיך נישט אַוועקלאָזען, יעקב. גאָט האָט מיך געבענשט אום דיינעטוועגען, צייט דו ביזט דאָ ביי מיר, האָט זיך מיין פערמעגען אויף פיער מאָל געמעהרט. זאָג, וואָס דו ווילסט, אַבי דו זאָלסט ווייטער בלייבען ביי מיר“.

זאָגט יעקב: „מיר וועלען אַזוי אָבמאַכען. געה אין דער סטאַדע און נעהם אַרויס פון דאָרט אַלע שאָף, וואָס האָבען פלעקען, רויטע אָדער שוואַרצע—און פיטער דיר בעזונדער. וואָרום פון היינט אָן, אַז עס וועלען געבוירען ווערען שעפּסען מיט רויטע אָדער שוואַרצע פלעקען, וועלען זיי געהערען צו מיר. בעשטעהסטו דערויף—איז גוט, אַרבייט איך ביי דיר ווייטער".

זאָגט לבן: „גוט, אַזוי זאָל בלייבען".

האָט יעקב ווייטער געפיטערט לבנ'ס שעפּסען. און אַז ער איז געזעסען אין פעלד, האָט ער גענומען צווייגלעך און שטעקענס, נאָך מיט דער שאָלעכץ, און אויסגעשניטען פון דער שאָלעכץ פּאַסען, און דערפון זענען געבליבען אויף די שטעקענס רויטע און שוואַרצע פלעקען. דערנאָך האָט ער די שטעקענס אַריינגעשטעקט אין די קאָרעטעס, וואו די שאָף האָבען געטרונקען. אַז די שאָף האָבען זיך צעהיצט, האָט ער זיי געיאָגט צום ברונים, האָבען זיי זיך פערזעהען אין די רויטע און אין די שוואַרצע פלעקען, און אַלע שאָף האָבען דערנאָך געהאַט רויטע און שוואַרצע געשטרייפטע שעפּעלעך.

האָט לבן געזעהן, אַז עס איז שלעכט. זאָגט ער צו יעקב'ן:

— ניין, איך האָב זיך בעקלערט, איך וויל דיר ליעבער אָבגעבען די ווייסע שאָף, און מיר נעהמען די געפלעקטע.

איז געגאַנגען גאָט און האָט געמאַכט, אַז אַלע שעפּסען האָבען געהאַט ווייסע שעפּעלעך. אַזוי האָט יעקב'ס סטאַדע זיך געשווינד געמעהרט, און לבן האָט גאָרנישט געקענט טון קעגען איהם. האָט יעקב זיין אייגענע סטאַדע

געגעבען זיינע קינדער צו פיטערן, און לבנ׳ס סטאַדע האָט ער אַליין געפיטערט.

אַז לבנ׳ס קינדער האָבען געזעהן, אַז יעקב׳ס סטאַדע מעהרט זיך וואָס אַ טאָג — וואָרום גאָט האָט איהם געהאָלפען — האָבען זיי אָנגעהויבען צו בערעדען יעקב׳ן, אַז ער בעגנב׳עט זייער פאָטער. איז געגאַנגען יעקב און האָט געשיקט רופען נאָך רחל׳ן און לאה׳ן אין פעלד אַרויס צו זיינע שאָף און האָט מיט זיי איבערגערעדט:

— אייער פאָטערס קינדער געהען אַרום מיט אַ בייז האַרץ אויף מיר. איך האָב אייער פאָטער געטריי אָבגעדיענט. יעצט איז אָבער די צייט, אַז איך זאָל פאַר זיך אויך אָנהויבען זאָרגען. אונזערע קינדער ווערען שוין דערוואַקסען, און גאָט האָט זיך צו מיר בעוויזען און מיר געהייסען צוריק אַהיים געהן. ווילט איהר מיט מיר מיטגעהן?

זאָגען זיי צו איהם: „נעהם אונז מיט, יעקב. צו אונזער טאַטען האָבען מיר גאָרנישט, ער האָט אונז פערקויפט, און שווער האָסט דו געאַרבייט אויף אונז״.

איז עס געוועזען אין אַ שענער נאַכט, ווען לבן איז געווען אַוועק זיינע שעפסען שערען, האָט יעקב צוזאַמענגענומען אַלע זייניגע: זיינע ווייבער און קינדער, זיינע שאָף און זיינע רינדער, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין אויף גאָטס חסד.

רחל אָבער האָט נישט געוואָלט, אַז איהר פאָטער זאָל ווייטער די געצען דיענען — זי האָט ביי יעקב׳ן געלערנט צו דיענען דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט. האָט זי פון פאָטערס שטוב אַרויסגעגנב׳עט אַלע געצען און זיי בעהאַלטען אונטער איהר זאָטעל און זיך אויף זיי אויפגע-

וועצט. יעקב האָט אָבער דערפון נישט געוואוסט. פאַר־
טאָג איז לבן אַהיים געקומען פון וועג. געטאָן אַ קוק:
יעקב מיט די זייניגע זענען נישטאָ, און האָבען נאָך אָבגע־
גנב'עט זיינע געצען. האָט ער צוזאַמענגענומען זיינע מענשען
און זיך געלאָזט נאָכיאָגען נאָך יעקב'ן. האָט ער איהם
געיאָגט זיבען טעג, האָט זיך אָבער גאָט בעוויזען צו
לבנ'ען און האָט איהם אזוי אָנגעזאָגט:

— היט דיך, לבן, אַז דו וועסט קעגען יעקב'ן איין
וואָרט אויסרעדען, נישט קיין חלוק, גוטס אָדער שלעכטס!

ביינאַכט האָט ער שוין דערזעהען אויפ'ן באַרג פיי־
ערלעך; האָט ער געוואוסט, אַז יעקב איז אויבען. און צו
מאָרגענס אין דערפריה האָט ער דערזעהן יעקב'ן, ווי ער
האָט זיך אויפגעשלאָגען די געצעלטען אויפ'ן באַרג. שרייט
לבן צו יעקב'ן:

— הע, וואָס האָסט דו געטאָן? האָסט מיך אָבגע־
נאַרט, האָסט מיך בעגנב'עט, מיינע טעכטער אַוועקגעפיהרט,
ווי געפאַנגענע. פאַרוואָס האָסט דו מיר נישט געזאָגט, אַז
דו ווילסט אַוועק? איך וואָלט דיך נאָך מיט טענץ און
געזאַנג בעגלייט. מיט מיינע טעכטער און מיט מיינע איי־
ניקלעך האָסט דו מיך נישט געלאָזט אָבזעגענען און קושען
פאר'ן אַוועקגעהן! אויך זאָלסט דו וויסען, ווען אייער גאָט
וואָלט זיך צו מיר נישט בעוויזען און אָנגעזאָגט מיר, אַז
איך זאָל דיר קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגען, וואָלט איך
דיר שוין געוויזען, ווער איך בין! היינט, אַז דו ביסט שוין
יאָ אַוועק—פאַרוואָס האָסט דו נאָך מיינע געטער מיט־
געגנב'עט?

ענטפערט איהם יעקב: „איך בין אַוועק פון דיר
בשתיקה—וואָלסט מיך דען מיט'ן גוטען ווילען אַוועקגע־

לאָזט? איך קען דאָך דיך, לבן. און דיינע טעכטער, וואָס דו זאָגסט, פרעג זיי, אויב זיי ווילען ביי דיר זיין? און דיינע געטער דאַרף איך נישט, לבן. אַז דו ווילסט, קום אַהער אין מיין געצעלט און זוך עם דורך—און עדות פאַר גאָט און פאַר מענשען, אויב דו וועסט עפּיס געפי־נען ביי מיר פון דיינע שטובזאַכען צי דיינע געטער".

איז לבן אין יעקבים געצעלט אַריין, האָט דורכגע־זוכט דעם גאַנצען געצעלט און האָט די געצען נישט גע־פונען. רחל איז אָבער אויפ׳ן זאָטעל געזעסען—אונטער דעם זאָטעל האָט זי זיי געהאַט בעהאַלטען—האָט זי גע־זאָגט דעם פאָטער:

— זיי מיר מוחל, טאַטע, וואָס איך הויב זיך נישט אויף—איך בין אַ שוואַכע פרוי און קען זיך נישט אויפ־הויבען.

האָט לבן דורכגעזוכט דעם גאַנצען געצעלט און גאָרנישט געפונען. זאָגט צו איהם יעקב פאַר אַלע זיינע מענשען:

— נו, וואָס ביזט דו מיר נאָכגעלאָפען, ווי נאָך אַ גנב? האָסט דורכגעזוכט מיין גאַנצען געצעלט, — וואָס האָסט דו געפונען ביי מיר פון דיינע זאַכען? לאָזען דיינע אייגענע ברידער זאָגען, שופטים זאָלען זיי זיין צווישען אונז. צוואַנציג האַרטע יאָהר האָב איך ביי דיר אָבגע־אַרבייט; קיין ציקעלע האָב איך נישט פערצוקט; קיין שע־פעלע האָב איך נישט אויפגעגעסען; אַ קראַנקע האָב איך דיר נישט געבראַכט אין סטאַדע, פון מיר האָסט דו זי געפאָדערט,—אַ טאָג־גנבה אָדער אַ נאַכט־גנבה. ביי טאָג האָט מיך די היץ אויפגעגעסען, די קעלט ביי נאַכט; קיין שלאָף האָב איך מיר נישט פערגונען. צוואַנציג יאָהר האָב

איך בײַ דיר אָבגעאַרבײַט: פערצעהן יאָהר פאַר דײַנע צװײ טעכטער, און זעקס יאָהר פאַר דעם ביסעל שאָף, און צעהן מאָל האָסט דו געביטען מײַן לױן. װען דער גאָט פון מײַן זײדען אַברהם און פון מײַן טאַטען יצחק װאָלט מיר, חלילה, נישט בײַגעשטאַנען, װאָלסט מיך דאָך אַ נאַקעטען אַװעקגעשיקט פון דײַן הײם! גאָט האָט געזעהן מײַן פּײַן און שװערע אַרבײַט, האָט ער זיך אָנגענומען פאַר מיר, און דערפאַר דיך געשטראָפט און אָנגעזאָגט דיר נעכטען.

האָבען אַלע מענשען, װאָס זענען דאָרט געװען מיט לבנ׳ען, געזאָגט: „יעקב האָט רעכט״.

זאָגט לבן: „אָבער דאָס אַלץ, װאָס דו האָסט, האָסט דו מיר צו פערדאַנקען. די טעכטער זענען מײַנע טעכטער, די שאָף — מײַנע שעפּסען. אָבער איך װיל מיט דיר שלום שליסען — און לאָמיר מאַכען אַ צײכען אויף שלום״.

האָבען זיך די מענשען אַרײַנגעלעגט און שלום געמאַכט צװישען זײ. האָט יעקב גענומען אַ שטײן און אויפגעשטעלט איהם און געזאָגט:

— נעהמט׳ס יעדער אַ שטײן און װאַרפט׳ס אָן אַ באַרג שטײנער.

האָבען זײ אָנגעװאָרפען אַ באַרג שטײנער און געזאָגט, אַז דער באַרג איז אַן עדות, אַז זײ האָבען צװישען זיך שלום געמאַכט. האָבען זײ דאָרט אַ מאָלצײַט אָבגעקאָכט, אַװעקגעזעצט זיך אַלע אָבעסען. און לבן האָט זיך האַרציליך געזעגענט מיט יעקב׳ן, געקושט זײַנע טעכטער און די אײניקלעך (ער איז דאָך אַ זײדע געװען) — און יעדער איז זיך צעגאַנגען אין זײַן װעג אַרײַן.

כא

יעקב׳ס בעגעגעניש מיט עשו׳ן

ווי נאָר יעקב איז אַוועק פון לבנ׳ען, האָט ער שוין אָנגעהויבען טראַכטען וועגען עשו׳ן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער ברודער טראָגט אַרום אויף איהם אַ בייז האַרץ און וויל איהם הרג׳ען. און יעצט קומט ער אַהיים, וועט ער זיך מיט עשו׳ן בעגעגענען—האָט ער פאַר איהם מורא געהאַט.

האָט יעקב געשיקט שלוחים אַנטקעגען עשו׳ן, אַז ער קומט צוריק אַהיים. ווענען די שלוחים צוריקגעקומען און האָבען איהם פערצעהלט, אַז עשו האָט צוזאַמענגענומען פיער הונדערט מאַן און ציהט קעגען איהם מלחמה האַל־טען. האָט יעקב מורא געהאַט פאַר עשו׳ן, האָט ער צע־טיילט די זייניגע אויף צוויי מחנות און ער האָט זיך גע־טראַכט: ווען עשו וועט קומען און צעשלאָגען איין מחנה, וועט די צווייטע דערווייל אַנטלויפען. און ער האָט אָנ־געהויבען צו בעטען גאָט און האָט אַזוי געזאָגט:

— רבונו של עולם! איך בין נישט ווערט די חסדים, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר. מיט איין איינציגען שטע־קען בין איך אַוועק פון דערהיים, יעצט קעהר איך זיך אום אויש מיט צוויי מחנות. העלף מיר, רבונו של עולם, אויך פון עשו׳ס הענד! צוואַנציג יאָהר האָב איך מיין ברו־דער נישט געזעהן — יעצט געהט ער מיר אַקעגען, איך

האָב מורא, ער זאָל נישט קומען און אויסהרג׳ען די מו־טערס מיט די קינדער.

דערנאָך האָט ער גענומען דריי סטאַדעס שאָף און רינדער און זיי אָבגעשיקט דורך שלוחים אַ מתנה עשון. ער האָט זיך געטראַכט: „טאָמער וועט מיין ברודער דאָך רחמנות האָבען אויף מיר״.

ווי ער איז אַזוי געגאַנגען מיט אַ בעטריבטע הארץ, האָט ער זיך דערווייל דורכגעשיפט דורך אַ טייך. האָט ער אָבער אויף יענער זייט טייך פערגעסען טעפּלעך, איז איהם געווען אַ שאָד די טעפּלעך, ווארום ער האָט אויף אַלץ שווער געאַרבייט, און זיין פערמעגען איז איהם מיט גרויס מיה אָנגעקומען. איז ער צוריק אַריבער אויף יענער זייט טייך נעהמען די טעפּלעך. איז פאַרנאַכט גע־וואָרען, און עס האָט אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען. דער־ווייל איז פון דער טונקעלהייט אַרויס אַ פרעמדער און האָט זיך אָנגעהויבען צו ראַנגלען מיט איהם, האָט ער זיך אַזוי אָבגעראַנגעלט מיט איהם אַ גאַנצע נאַכט, ביז יעקב איז איהם בייגעקומען. אַז עס איז מאָרגענס געוואָ־רען, זאָגט דער פרעמדער:

— איך בעט דיך, לאָז מיך אָב.

זאָגט יעקב: „איך וועל דיך נישט פריהער אָבלאָ־זען, ביז דו וועסט מיר נישט זאָגען, ווער דו ביסט״.

זאָגט דער פרעמדער: „צו וואָס דאַרפסט דו וויסען, ווער איך בין? איך קען דיר נישט זאָגען, ווער איך בין. — נאָר זיי וויסען, אַז דו האָסט מלחמה געהאַלטען מיט אַ מענש און מיט אַ מלאך, און דו ביזט זיי ביידען בײ־געקומען״.

און דער פרעמדער איז פערשוואונדען געוואָרען.

[library stamp]

דאָס איז געווען עשו׳ס מלאך, וואָס ער האָט אין הימעל. האָט יעקב פערשטאַנען, אַז ער וועט עשו׳ן בייקומען. איז ער אַריבער דעם טייך, האָט ער דערזעהן, אַז עשו דערנעהנטערט זיך צו איהם מיט זיינע פיער הונדערט מאַן. האָט יעקב גענומען זיינע ווייבער און קינדער און האָט זיי צעטיילט—גאָר פון פאָרענט האָט ער געשטעלט די דיענסטען מיט זייערע קינדער, דערנאָך לאה׳ן מיט איהרע קינדער, און גאָר פון הינטען רחל׳ן מיט יוסף׳ן, כּדי זיי זאָלען קענען אַנטלויפען. אַליין האָט ער זיך גע־שטעלט פון פאָרענט פון אַלעמען און האָט זיך אָנגע־גרייט מלחמה צו האַלטען מיט עשו׳ן.

ווי עשו האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם, בוקט זיך יעקב פאַר איהם און זאָגט צו איהם אַזוי:

— ברודער עשו! פאַר וואָס געהסט דו מיט מיר מלחמה האַלטען? וואָס איז? איך האָב אַן אָקס און אַ רינד, אַ ווייב און אַ קינד?—נישט פון טאַטען האָב איך דאָס גע־נומען, דעם טאַטענס פערמעגען האָב איך דיר אינגאַנצען איבערגעלאָזט. דאָס האָב איך אַליין מיט מיינע אייגענע הענד מיר אויסגעאַרבייט—ביי לבנ׳ען האָב איך דערפאַר צוואַנציג האַרטע יאָהר אָבגעדיענט.

איז עשו גערירט געוואָרען פון יעקב׳ס רייד, זאָגט ער צו איהם:

— ברודער יעקב! ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך געה קעגען דיר מלחמה האַלטען? דאָס בין איך דיר גע־קומען אַקעגען צו געהן, צוואַנציג יאָהר האָב איך דיך נישט געזעהען. וואָס מאַכסט דו, ברודער יעקב?

און עשו האָט אַ וואָרט נישט געקאָנט מעהר אויס־רעדען, די טרערען זענען איהם געקומען אין די אויגען

אַריין. זענען די ברידער זיך געפאַלען איינער דעם צווייטען אויפ'ן האַלז און האָבען אָנגעהויבען צו וויינען. פרעגט יעקב:

— וואָס מאַכט דער טאַטע, וואָס מאַכט די מאַמע, ברודער עשו?

— דער טאַטע איז שוין טויט, די מאַמע איז שוין אויך געשטאָרבען,—ביזט אפילו ביי זייער קבורה נישט געווען.

האָבען זיי ווידער ביידע געוויינט. זאָגט עשו אין טרערען:

— ווייז מיר דיינע קינדער, ברודער יעקב.

האָט איהם יעקב געוויזען זיינע ווייבער מיט די קינדער, האָט זיך עשו זעהר געפרעהט מיט זיי. זאָגט ער צו יעקב'ן אַזוי:

— ברודער יעקב! דו מיינסט, איך בין אַזאַ שלעכטער מענש—איך וועל קעגען אַ ברודער מלחמה האַלטען? צו וואָס האָסט דו מיר מתנות געשיקט? בעהאַלט דיר דאָס, ברודער יעקב, איך האָב אַליין גענוג, נעהם דיר דאָס צוריק.

זאָגט יעקב: „ניין, ברודער עשו, אַז דו ווילסט מיר אַ געפעליגקייט טון, נעהם פון מיר די מתנות. איך פרעה זיך זעהר, אַז איך זעה דיך, מיין ברודער, וואָרום איך האָב זעהר געבענקט נאָך דיר".

האָט ער עשו'ן זעהר געבעטען, האָט ער פון איהם די מתנות צוגענומען. האָט עשו געוואָלט אין איינעם מיט איהם געהן. זאָגט יעקב:

— דו ווייסט דאָך, אַז די קינדער זענען נאָך יונג, און אויב איך וועל זיי אָנטרייבען איין טאָג נאָך דיינע

חיילות, וועלען זיי שטאַרבען. געה דו אַליין פאָראויס, מיין ברודער.

האָט עשו נאָך געוואָלט איבערלאָזען איהם וועלכער צו היטען, האָט יעקב נישט געוואָלט. האָבען זיי זיך ביידע האַרצליך צעשיידט און איבערגעבעטען זיך. דאָך אין אייגעם וואוינען מיט איהם האָט יעקב נישט געוואָלט.

איז עשו צוריק צו זיך אַהיים, און יעקב איז געגאַנגען קיין שכם און האָט זיך דאָרט געקויפט אַ פעלד פון די בני חמור. האָט ער דאָרט אַ מזבח אויפגעשטעלט און גאָט געדאַנקט פאַר די אַלע חסדים, וואָס ער האָט געטאָן מיט איהם, אַז ער איז בשלום צוריק אַהיים געקומען און ער האָט זיך רוהיג בעזעצט אויף אַ ניאָרט.

כב

יעקב איז ממלא זיין נדר

אז יעקב האָט זיך שוין רוהיג בעזעצט אויף אָנ־
אָרט, האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען, וואו
די זייניגע זענען. דער פאָטער איז שוין טויט גע־
געוועזען, און אויך די מוטער זיינע איז שוין געוועזען
געשטאָרבען. קיינער איז איהר נעבּיך נאָך דער לויה נישט
נאָכגעגאַנגען. ער איז נישט געוועזען, און עשו'ן האָט זי נישט
געוואָלט, אַז ער זאָל נאָכגעהן נאָך איהר לויה, מענשען
זאָלען נישט מיט די פינגער נאָכטייטען און זאָגען: „זעהט'ס,
וואָס פאַר אַ שענעם זוהנדיל זי האָט נאָך זיך איבערגע־
לאָזט". האָט זיך יעקב דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט אַנ־
עלענדער און אַנ'אָרימער פערלאָזט זיין פאָטערס הויז,
גאָרנישט האָט ער געהאַט מיט זיך, נאָר זיין בּלויזען
שטעקען, און יעצט האָט ער, ב"ה, אַ גרויסען הויז־געזינד,
אַנ'אָקס מיט אַ שעפּס, אַ שטיקעל בּרויט צו עסען און
אַ קלייד אָנצוטון, און זיהן האָט ער און פעלדער האָט ער.

האָט ער זיך דערמאָנט אָן די שטיינער, וואָס ער
האָט גענעכטיגט אויף זיי, בּשעת ער איז צו לבנ'ען גע־
גאַנגען, און אָן דער שבועה, וואָס ער האָט געשוואוי־
רען דאָרט בּיי די שטיינער אויפ'ן וועג: „אַז דער רבּונו
של עולם וועט איהם העלפען, און ער וועט צו עפּים קו־
מען"—האָט ער זיך געזאָגט: „מען דאַרף טאַקע אַהין צו
די שטיינער געהן און דעם נדר אויספיהרען".

האָט ער צונויפגענומען אַלע די זייניגע און האָט זיי געהייליגט און געריייניגט אַ פּאָר טעג צו פריהער, דער־נאָך האָבען זיי זיך אין ריינע קליידער אָנגעטאָן און זענען אַהינגעריטען אויף דעם אָרט, וואָס ער האָט איהם גערופען בית־אל, דאָס איז טייטש: גאָטס הויז. אָנגעקומען דאָרט, האָט יעקב געגאָסען אייל אויף די שטיינער פאַר גאָט און גערופען גאָטס נאָמען און געדאַנקט איהם פאַר דעם חסד, וואָס גאָט האָט מיט איהם געטאָן.

האָט זיך גאָט צו איהם בעוויזען און ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען נישט יעקב, נור ישראל. און גאָט האָט איהם געוויזען דאָס גאַנצע לאַנד אַרום די שטיינער און האָט איהם צוגעזאָגט, אַז אָט דאָס לאַנד וועט געהערען צו די יודען, און דאָ וועלען אַלע יודען וואוינען.

דערפאַר רופט מען פון דענסטמאָל אָן אַלע יודען „ישראל", ווייל מיר אַלע קומען אַרויס פון יעקב'ן, וואָס ער איז דאָס ישראל. און דאָס לאַנד, וואָס גאָט האָט איהם געוויזען אָנגעגרייט פאַר אונז, רופט מען אויך ארץ ישראל— „דאָס לאַנד פון די יודען"—ביז'ן היינטיגען טאָג.

כג
רחל'ס טויט

בשעת יעקב איז אַהיים געקומען, איז רחל שוואַנגער געגאַנגען צו קינד מיט איהר צווייטען זוהן בנימין. האָט יעקב אָנגעהויבען צו בע־טען גאָט, אַז ער זאָל זיך אויף איהר מרחם זיין. אָבער רחל האָט זיך געהאַט פערזינדיגט קעגען איהר פאָטער לבן, וואָס זי האָט איהם די געטער צוגע'גנב'עט און זי האָט איהם אָבגענאַרט; ווארום כאָטש לבן איז געווען אַ געצענדיענער, דאָך איז עס געווען איהר פאָ־טער, און זי האָט געדאַרפט פאַר איהם דרך־ארץ האָבען. דערפאַר איז זי געשטאָרבען. נאָר דאָס קינד איז געבלי־בען לעבען און האָט געקראָגען דעם נאָמען בנימין.

איז יעקב זעהר טרויעריג געוואָרען, ווארום, אַזוי ווי מען ווייסט, האָט ער זי זעהר ליעב געהאַט. האָט ער זי געוואָלט בעגראָבען אין דער „מערת־המכפלה“, דאָרט, וואו עס ליגען בעגראָבען אברהם מיט שרה'ן, יצחק מיט רבקה'ן, און ער האָט אויך זיך גערעכענט, אַז דאָרט זאָל מען איהם בעגראָבען נאָך הונדערט און צוואַנציג יאהר מיט זיין ווייב רחל. האָט גאָט געזאָגט צו איהם:

— ניין, יעקב, בעגראָב זי נישט דאָרט אין דער מערת־המכפלה, נור בעגראָב זי אויפ'ן וועג קיין אפרת— דאָס איז בית־לחם, אַ תחום שבת ווייט פון דער שטאָדט. ווייסט דו מיך פרעגען: צוליעב וואָס?—זאָג איך דיר, אַז

עס איז דאָ אַ מיין אין דער זאַך. בשעת נבוזרדן, דער שׂכבטפּייסטער פון נבוכדנאצר הרשע, וועט אַ מאָל די יודען פון ירושלים אַרויסטרייבען, וועט ער זיי אויף דעם וועג פאַר דער מוטער רחל׳ס קבר פאַרבייטרייבען. וועט רחל אַרויסגעהן פון קבר און וועט געהן צו מיר און וועט וויינען און קלאָגען: „רבונו של עולם! דו ווייסט וואויל, ווי איך האָב מיך פאַר מיין שוועסטער לאה איינגעשטעלט, און אַז מען האָט זי געפירהרט אונטער דער חופּה מיט יעקב׳ן, האָב איך מיין צער געשלונגען און גאָרנישט גערעדט.—זאָל דאָס זיין דער לוין פאַר מיינע קינדער? דערפאַר שטעהט אין פּסוק:

אַ שטים הערט זיך אין רמה, אַ קלאָג

אַ ביטערער:

רחל וויינט אויף איהרע קינדער...

וועל איך זיך אויף זיי מרחם זיין.

האָט יעקב טאַקע אַזוי געטאָן: גענומען און האָט אויסגעגראָבען אַ גרוב ביי דער זייט פון וועג קיין בית לחם און דאָרט בעגראָבען רחל׳ן. ווי איהר זוהן יוסף האָט דאָס דערזעהן, איז ער בייז געוואָרען אויפ׳ן פאָטער. ער האָט געמיינט, אַז דער פאָטער האָט זי נישט ליעב, און דערפאַר בעגראָבט ער זי אין מיטען פעלד. האָט יעקב צו איהם געזאָגט:

— זיי נישט בייז, מיין קינד, עס איז דאָ אַ מיין דערין.

און דאָרט ליגט די מוטער רחל בעגראָבען ביז׳ן היינטיגען טאָג. איך בין דאָרט געוועזן אויף איהר קבר— אַ שולעכיל שטעהט איבער איהר מצבה, פיעל פּרוכת ער

הענגען דאָרט, און פיעל ליכטלעך ברענען זיך דאָרט
אין איהר שולעכיל. יעדער יוד, וואָס קומט קיין ארץ־
ישראל אַראָב, צינדט אויף איהר קבר אַ ליכטעל אָן.
און איך האָב אויך מיין ליכטעל דאָרט אויף איהר
קבר אָנגעצונדען, פאַר אייערע און פאַר מיין נשמה'ס
וועגען.

כד
שמעון און לוי הרגען אויס שכם

האָט זיך יעקב בעזעצט אונטער שכם, געקויפט זיך אַ סך פעלדער, די שאָף האָבען זיך איהם גוט געפיטערט, און די קינדער זענען איהם גוט אויפגעוואַקסען, און וואו ער האָט זיך געקערט, איז איהם גאָט בייגעשטאַנען. איז ער באַלד זעהר רייך געוואָרען און אָנגעזעהן. און זיינע קינדער, אַז זיי זענען גרויס געוואָרען, זענען זיי אַזוי שטאַרק געווען, אַז אַלע האָבען געציטערט פאַר זיי.

יעקב האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער פון לאָהן—דינה. איז זי געווען ביי איהם אַנ׳איין־איינציגע און זעהר אַ שענע. איז זי אַלע מאָל אין שטאָדט געפאָהרען קיין שכם שפּאַצירען און ווייזען זיך פאַר די טעכטער פון שטאָדט און זעהן די טעכטער פון שכם. האָט זי אַמאָל דערזעהן דער קרוין־פּרינץ פון שכם, דעם קעניג חמור׳ס זוהן. האָט ער זיך איינגעליעבט אין איהר ביז גאָר: ער האָט נישט געקאָנט לעבען אָהן איהר, נישט עסען און נישט טרינקען. האָט ער צוגערעדט דינה׳ן—איז זי מיט איהם אַהיים געגאַנגען אין זיין פּאַלאַץ אַריין, און ער האָט זי דאָרט פערשעמט. זאָגט דער פּרינץ צום פאָטער:

— טאַטע, נעהם מיר די מיידעל פאַר אַ ווייב, אַנישט וועל איך שטאַרבען.

אַז יעקב האָט געהערט, אַז מען האָט זיין טאָכטער

פערשעמט, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נור זיך געטראַכט:
„לאָזען נור מיינע קינדער אַהיים קומען פון פעלד"...

אָבער חמור, דער קעניג פון שכם, האָט מורא גע־
האַט פאַר יעקב'ס קינדער, וואָס זיין זוהן, דער פרינץ,
האָט פערשעמט זייער שוועסטער. איז ער אַוועק צו
יעקב'ן און זאָגט צו איהם, אַז ער זאָל אָבגעבען די טאָכ־
טער פאַר אַ ווייב זיין זוהן דעם קרוין־פרינץ, וועט זי ווע־
רען די קעניגין פון שכם. זאָגט יעקב:

— מיר זענען יודען. אַז איהר וועט זיך מגייר זיין,
וועל איך מיין טאָכטער חתונה מאַכען מיט דיין זוהן;
אויב נישט, וויל איך נישט.

זענען געגאַנגען די לייט פון שכם און האָבען זיך
מגייר געווען. און דער פרינץ שכם איז אַ חתן געוואָרען
מיט דינה'ן.

דערווייל זענען אַהיים געקומען יעקב'ס קינדער פון
דער ווייד. האָבען זיי דערהערט, אַז שכם, דעם קעניגס
זוהן, האָט פערשעמט זייער שוועסטער. זענען געגאַנגען
צוויי ברידער, שמעון און לוי, און האָבען זיך אָנגעטאָן
די פיילען און די בויגענס און זענען בעפאַלען די שטאָדט
און אַלע מאַנספערשוינען פון שטאָדט אויסגע'הרג'עט,
אַוועקגענומען ביי זיי די שעפסען מיט די רינדער און
אַהיים געבראַכט צו דעם פאָטער. ווי דער פאָטער האָט
דאָס דערהערט, וואָס זיי האָבען געטאָן, האָט ער אָנגע־
הויבען צו שרייען:

— וואָס האָט איהר געטאָן? — זיי האָבען זיך דאָך
מגייר געווען, און דער פרינץ האָט דאָך געוואָלט מיט
דינה'ן חתונה האָבען!

האָבען זיי אָבגעענטפערט:

— וואָס, מיר װעלן לאָזען אונזער שוועסטער פער־שעמען, ווי אַ דיענסט?

האָט יעקב פערשטאַנען, אַז זיי האָבען רעכט, האָט ער געזאָגט:

— און וואָס וועט איהר טון, אַז די שכנים וועלען זיך צוזאַמענעהמען און קומען איבער אונז מלחמה האַל־טען? מיר זענען דאָך וועניג, און זיי אַ סך.

האָבען זיך די ברידער אויפגעשטעלט און אָבגע־ענטפערט פעסט:

— לאָזען זיי קומען, וועלען מיר זעהן!

האָט יעקב געקוקט אויף זיינע קינדער, האָט ער געזעהן, אַז ער קען זיך אויף זיי פערלאָזען—האָט ער גע־שוויגען. און עס איז טאַקע קיינער נישט געקומען, וואר מען האָט מורא געהאַט פאַר די ברידער.

כה

די ברידער פערקויפען יוספן

נאָך רחל'ס טויט איז דאָך יוסף אַ יתום געבלי-
בען, האָט איהם דער פאָטער ליעבער געהאַט, ווי
אַלע אַנדערע זיינע קינדער. שענער איז ער אויך
געווען פון זיי, און דער פאָטער האָט איהם גע-
מאַכט שענערע קליידער פון אַלע זיינע קינדער. זיינע
ברידער האָבען געטראָגען העמדלעך פון וואָלען-שטאָף,
און יוסף האָט געטראָגען אַ העמדיל פון זיידען-שטאָף;
זיינע ברידער האָבען געמוזט פיטערן די שאָף אין פעלד,
און יוסף איז איבערגעבליבען אין דערהיים ביים פאָטער.
האָט יוסף אָנגעהויבען זיך גרויס צו האַלטען, גרעסער פון
אַלע זיינע ברידער, נישט געוואָלט זיך חבר'ן מיט זיי,
נור ער איז אומגעגאַנגען מיט די קינדער פון זיין מוטערס
דיענסטמויד בלהה, דערפאַר וויל זיי האָבען איהם גע'חנפ'עט
און גוטע ריידעלעך גערעדט. אָבער פון זיין מוהמע לאה'ס
קינדער האָט ער זיך געהאַלטען פון דער וויטענס און
העכער פון זיי, און אין דער שטיל געמסר'ט זיי פאַר'ן
פאָטער יעקב. האָבען איהם זיינע ברידער זעהר פיינד
געהאַט.

איז ער אַמאָל אין אַ שענעם פריה-מאָרגען אויפ-
געשטאַנען און פערצעהלט, אַז עס האָט איהם גע'חלומ'ט
ביי נאַכט, אַז ער האָט געבונדען בינטלעך קאָרן מיט
זיינע ברידער אין פעלד—האָבען זיך זיינע ברידער'ס בינט-

און מיט די צייהן צעביסען די העמדיל און צעריסען עס, כדי עס זאָל אַזוי אויסזעהן, ווי אַ חיה וואָלט עס צעריסען, און גענומען די העמדיל און עס געבראַכט דעם פאָטער.

דער פאָטער איז געשטאַנען ביים פענסטער און שוין אויסגעוואַרט אויף יוספ'ן מיט זיינע ברידער, ווארום דאָס האַרץ האָט איהם נישט גוטס אָנגעזאָגט. ווי די ברידער זענען אָנגעקומען מיט די שאָף צום פאָטער, האָט דער פאָטער יוספ'ן געזוכט. האָבען זיי גענומען די העמדיל און אויסגעשפרייט עס פאַר דעם פאָטערס אויגען און געזאָגט אַזוי:

— דאָס האָבען מיר געפונען. דערקען, אויב עס איז דיין זוהנ'ס העמדיל, אָדער נישט.

האָט עס יעקב דערקענט און האָט אויסגעשריען:

— אוי! עס איז מיין קינדס העמדיל. אַ בייזע חיה האָט איהם אויפגעגעסען, פערצוקט, פערצוקט איז יוסף געוואָרען!

האָט יעקב באַלד צעריסען די קליידער אויף זיך, אַרויפגעוואָרפען אַ גראָבען זאַק אויף זיין לייב און אַוועקגעזעצט זיך אויף דר'ערד און געוויינט, ווי אַ קליין קינד.

האָבען די ברידער נישט געקענט איבערטראָגען דעם פאָטערס טרערען, האָבען זיי זיך געוואָרפען פאַר איהם אויף די קניה און געקושט זיינע הענד און געבעטען זיך ביי איהם, אַז ער זאָל זיך טרייסטען. ווארום זיי האָבען דאָך געוואוסט, אַז יוסף לעבט, נאָר זאָגען דאָס דעם פאָטער האָבען זיי נישט געקאָנט, ווארום זיי האָבען זיך געמאַכט איין האַנד, קיין וואָרט נישט צו זאָגען, און האָבען געשוויגען.

געטראָפען, האָט ער געבלאָנדזשעט און נישט געוואוסט וואו צו געהן. האָט ער אָנגעגעגנט אין וועג אַ מענש, האָט ער איהם געפרעגט:

— ווייסט דו נישט, וואו מיינע ברידער זענען, יעקב׳ס קינדער? זיי האָבען דאָ געפּיטערט די שעפסען.

זאָגט דער מענש: „אַך, דיינע ברידער זענען אַוועק פון דאַנען. איך האָב געהערט, ווי זיי האָבען געזאָגט איינער צום אַנדערן: קומט, לאָמיר געהן קיין דותן. זע־נען זיי אודאי דאָרט אַהין געגאַנגען".

איז יוסף אַוועק קיין דותן זוכען זיינע ברידער. האָט ער זיי טאַקע דאָרט געטראָפען. ווי די ברידער האָבען איהם דערזעהן פון דערווייטענס אָנקומען, האָבען זיי גע־זאָגט איינער צום צווייטען:

— נאַ, דער „חלום־מאַן" געהט. ווייסט איהר וואָס? מען דאַרף זיך גאָר מיט איהם אָברעכענען יעצט אַליין אין פעלד, און מיר וועלען זעהן, וואָס פון זיינע חלומות וועט ווערען.

ראובן האָט אָבער אויף איהם רחמנות געקראָגען: ער האָט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלען איהם נישט הרג׳ען. זאָגט ער:

— ברידער, לאָמיר נישט פערגיסען קיין בלוט. מען וועט איהם נעהמען, מען וועט איהם אַריינוואַרפען אין אַ גרוב—און גענוג, נור אונזערע הענד זאָלען מיר נישט בע־פלעקען מיט זיין בלוט.

האָבען איהם די ברידער געפאָלגט. ווי יוסף איז אָנגעקומען צו זיי, האָבען זיי איהם קודם כל די זיידענע העמדיל אויסגעטאָן, גענומען איהם און אַריינגעוואָרפען

אין אַ גרוב. די גרוב איז געווען אַ טיעפע, נאָר קיין וואַסער איז אין איהר נישט געווען.

ראובן אָבער האָט עס מיט אַ פּליים אַזוי געטאָן, ווארום ער האָט געוואָלט דערנאָך איהם אַרויס׳גנב׳ען פון גרוב און איהם ברענגען צוריק צום פאָטער. דערווייל האָט ראובן געמוזט אַוועקגעהן. ווארום עס איז געווען אָבגעמאַכט, אַז יעדען טאָג זאָל אַנ׳אַנדער ברודער אַהיים געהן צום פאָטער און איהם בעדיענען. איז פּונקט אויסגעקומען אויף ראובנ׳ען. אָבער באַלד מיטנעהמען יוסף׳ן האָט ער נישט געקענט, ווארום די ברידער האָבען איהם געהיט. איז יוסף געבליבען אין גרוב.

אַ ראובן איז אַוועק, איז געוואָרען איבער די ברי־דער דער עלטסטער יהודה. ווארום עס איז געווען אָב־געמאַכט, אַז יעדען טאָג זאָל אַנ׳אַנדער ברודער זיין אַנ־עלטסטער, און אַלץ, וואָס ער וועט הייסען, מוז מען איהם פאָלגען. איז פּונקט אויסגעקומען אויף יהודה׳ן. האָבען זיך די ברידער אַוועקגעזעצט אַרום גרוב עסען. אין גרוב איז געלעגען יוסף און ער האָט געוויינט. האָבען זיי געהערט זיין געוויין און האָבען זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון ווימענדיג און ווייטער געגעסען.

דערווייל איז אָנגעקומען צו ציהען אַ קאַראַוואַן אַראַ־בישע סוחרים, ישמעאלים, וואָס האַנדלען מיט בשמים און געווירצען. זייערע קעמלען זענען געווען בעלאָדען מיט אַלערליי געווירצען, בשמים און געשמאַקלכקייטען, וואָס זיי האָבען געפיהרט קיין מצרים צו פערקויפען. רופט זיך אָן יהודה און זאָגט אַזוי:

— ברידער, וואָס וועלען מיר שוין דערפון האָבען,

אַז מיר װעלען הרג׳ען אונזער ברודער? ניין, לאָמיר איהם פערקױפען די אַראַבּישע בשמים-סוחרים, און אונזערע הענד זאָלען ניט פערגיסען זיין בּלוט,—װאָרום ער איז דאָך אונזער בּרודער.

האָבּען די בּרידער איינגעזעהן, אַז יהודה האָט רעכט—זאָגען זיי: „גוט".

האָבּען זיי צוגערופען די סוחרים און אַרױסגענומען יוסף׳ן פון גרוב, געװיזען איהם די סוחרים און געזאָגט: „קױפט איהם אָב".

— װיפיעל װילט איהר פאַר איהם

— צװאַנציג זילבּער-גולדען.

האָבען די סוחרים בּעצאָהלט די צװאַנציג זילבּער-גולדען און מיטגענומען יוסף׳ן מיט זיך. און די בּרידער האָבּען זיך צעטיילט מיט די געלד.

דערװייל איז ראובן צוריקגעקומען פון פאַטער. איז ער אַװעק צום גרוב, זעהן, װאָס יוסף מאַכט. װי ער האָט דערזעהן, אַז יוסף איז ניטאָ—איז ער אַרױס מיט אַ שרעקליכען געװיין און האָט געשריען:

— בּרידער, װאָס האָט איהר געטאָן? דאָס קינד איז נישטאָ! איך קום דאָך ערשט פון טאַטען צו געהן,— װי האָט ער זיך נאָכגעפרעגט נאָך איהם! איך האָב איהם צוגעזאָגט, אַז עס װעט איהם קיין שלעכטס נישט געשעהן,—װאָס װעל איך יעצט טון?

די בּרידער זענען אָבּער געגאַנגען און האָבען גענומען אַ קליינע ציגעלע און האָבּען זי געשאָכטען און איינגעטונקט יוסף׳ס זיידענע העמדיל אין די בּלוט פון דער ציגעלע,—װאָרום ציגען-בּלוט איז גלייך צו מענשען-בּלוט—

און מיט די צייהן צעביסען די העמדיל און צעריסען עס, כּדי עס זאָל אַזוי אויסזעהן, ווי אַ חיה וואָלט עס צעריסען, און גענומען די העמדיל און עס געבראַכט דעם פאָטער.

דער פאָטער איז געשטאַנען ביים פענסטער און שוין אויסגעוואַרט אויף יוספ׳ן מיט זיינע ברידער, ווארום דאָס האַרץ האָט איהם נישט גוטס אָנגעזאָגט. ווי די ברידער זענען אָנגעקומען מיט די שאָף צום פאָטער, האָט דער פאָטער יוספ׳ן געזוכט. האָבען זיי גענומען די העמדיל און אויסגעשפּרייט עס פאַר דעם פאָטערס אויגען און געזאָגט אַזוי:

— דאָס האָבען מיר געפונען. דערקען, אויב עס איז דיין זוהנ׳ס העמדיל, אָדער נישט.

האָט עס יעקב דערקענט און האָט אויסגעשריען:

— אוי! עס איז מיין קינדס העמדיל. אַ בייזע חיה האָט איהם אויפגעגעסען, פערצוקט, פערצוקט איז יוסף געוואָרען!

האָט יעקב באַלד צעריסען די קליידער אויף זיך, אַרויפגעוואָרפען אַ געראָבען זאַק אויף זיין לייב און אַוועקגעזעצט זיך אויף דר׳ערד און געוויינט, ווי אַ קליין קינד.

האָבען די ברידער נישט געקענט איבערטראָגען דעם פאָטערס טרערען, האָבען זיי זיך געוואָרפען פאַר איהם אויף די קניה און געקושט זיינע הענד און געבעטען זיך ביי איהם, אַז ער זאָל זיך טרייסטען. ווארום זיי האָבען דאָך געוואוסט, אַז יוסף לעבט, נאָר זאָגען דאָס דעם פאָטער האָבען זיי נישט געקאָנט, ווארום זיי האָבען זיך געמאַכט איין האַנד, קיין וואָרט נישט צו זאָגען, און האָבען געשוויגען.

אָבֿער דער פֿאָטער האָט זיך בשום אופֿן נישט געוואָלט לאָזען טרייסטען און איז אָבגעזעסען גאַנצענע טעג אויף דר'ערד מיט'ן זאַק אויף די פּלייצעס און האָט בעוויינט זיין קינד און געזאָגט:

— צוליעב איהם וועל איך אַ טרויעריגער אין דער ערד אריין,



די ברידער ציהען יוסף'ן פון גרוב ארויס

כו
יוסף אין מצרים

מיט יוסף׳ן האָט דערווייל פּאַסירט אָט וואָס.

די ישמעאלים האָבען איהם גענומען און געבראַכט איהם אינאיינעם מיט זייער סחורה קיין מצרים. דאָרט האָבען זיי זיך געשטעלט אויפ׳ן מאַרק צו פערקויפען. און עס האָט איהם געקויפט פאַר אַ קנעכט פּוטיפר, פרעה׳ס דעם קעניג פון מצרים׳ס שטאַלמייסטער. דאָרט ביי דעם קעניגליכען שטאַלמייסטער האָט יוסף באַלד נושא חן געווען. אַ שענער איז ער געווען און אַ געשיקטער און אַ קלוגער אויך— האָט ער באַלד דאָס גאַנצע הויז געפיהרט. איהם האָט מען אָנגעטרויט אַלע שליסלען, און ער האָט איפּגעפּעפּט און צוגעשלאָסען אַלע שענק, און אַלע קנעכט זענען איהם געווען אונטערטעניג. און ער האָט אזוי גוט געפיהרט דאָס הויז, אַז זיין האַר פּוטיפר האָט פון גאָרנישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך ביי איהם אין שלאָס, נור פון דעם מיטאָג, וואָס מען האָט געגעבען צו עסען, און פון דעם קלייד, וואָס ער האָט זיך אָנגעטאָן, ווארום ער האָט זיך אינגאַנצען געהאַט פערלאָזען אויף יוסף׳ן.

יוסף איז אָבער אַזוי שען געווען, ווי די זון. אַז ער איז אַריינגעקומען אין דער סאַלע אַריין, איז די סאַלע ליכטיג געוואָרען, אַזוי ווי מען וואָלט אַ טייערן פּערלשטיין אַריינגעטראָגען. האָבען זיך אין איהם פערליעבט די

גאַנצע הויזגעזינד. צום מיינסט האָט זיך פערליעבט אין איהם זיין בעל־הבית'טע, פּוטיפר'ס פרוי. אַז זי האָט איהם דערזעהן, איז זי אויסגעגאַנגען פון מתיקות, אַזוי שען און געשיקט איז ער געווען.

אַמאָל האָט זי פערצעהלט איהרע חבר'טאָרינס, די גרויסע שררות'טעס פון מצרים, וואָס פאַר אַ שענעם קנעכט זי האָט. האָבען זיי איהר נישט געוואָלט גלויבען, האָט זי זיי געבעטען צו זיך, אַוועקגעזעצט אויף פּאָטער־שטולען און יעדער שררה'טע געגעבען אַנ'אתרוג אין האַנד אַריין מיט אַ מעסער, אַז זיי זאָלען דעם אתרוג שיילען. ווי זיי האָבען אַזוי געשיילט די אתרוגים מיט די מעסערס, האָט זי אַריינגערופען יוספ'ן. אַז די שררות'טעס האָבען דערזעהן יוספ'ס שענקייט, האָבען זיי שוין נישט געקענט אָברייסען די אויגען פון איהם און האָבען, אָנשטאָט די אתרוגים צו שניידען, די הויט פון די פינגער זיך געשיילט. האָבען זיי ערשט געזעהן, ווי שען יוסף איז.

וואָס קומט אָבער אַרויס? אַז יוסף האָט געזעהן, אַז עס געהט איהם אַזוי גוט, און אַלע האָבען איהם אַזוי ליעב, האָט ער באַלד פערגעסען זיין פאָטער, וואָס טרויערט נאָך איהם, און אָנגעהויבען זיך צו פוצען און צו צירען און שען זיך אָנצוטון, און די האָר זיך צו לאָקען. האָט עס גאָט פערדראָסען, האָט ער איהם געוואָלט עגמת־נפש אָנטון.

איז געגאַנגען גאָט און האָט געמאַכט, אַז זיין בעל־הבית'טע, פּוטיפר'ס ווייב, האָט איהם אָנגעהויבען אָנצורעדען, אַז ער זאָל פעלשען אין זיין האַר, אַז ער זאָל זיין האַר הרג'ען און חתונה האָבען מיט איהר. יוסף אָבער איז דאָך געווען אַ צדיק—האָט ער אַהר געזאָגט:

— גענואַלד געשריען! ווי אַזוי קען איך דאָס טון?
דער האַר האָט מיך געמאַכט פאַר דעם גאַנצן אויפזעהער פון זיין הויז און אַלע שליסלען מיר אָנגעטרויט. און אַלץ, וואָס ער האָט, מיר איבערגעגעבן,— זאָל איך איהם אַזאַ שלעכטס טון? איך וועל זיך דאָך פערזינדיגען פאַר גאָט!
אַז זי האָט געזעהן, אַז יוסף וועט איהר נישט פאָלגען, האָט זי דאָך מורא געהאַט, אַז יוסף זאָל נישט פערצעהלען איהר מאַן, צו וואָס זי האָט איהם אָנגערעדט. האָט זי געמאַכט אַן־אָנשטעל און אויסגעטראַכט אַ פאַלשען בלבול אויף איהם, אַז דאָס האָט ער איהר אָנגערעדט צו די שענדליכע זאַכען, און נישט זי איהם. איז זי אַרוים אין גאַס אין איין נאַכטהעמד און אַלעמען פערצעהלט, וואָס יוסף האָט געוואָלט מיט איהר מאַכען. אַז פוטיפר איז אַהיים געקומען און ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געהייסען, מען זאָל יוסף'ן אַריינוואַרפען אין תפיסה. האָט מען גענומען יוסף'ן און געוואָרפען אין תפיסה אַריין. און דאָס איז געווען אַ שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט זיין פאָטער פערגעסען.

כז

יוסף אין תפיסה

אַז יוסף איז געזעסן אין דער תפיסה, האָט איהם ווידער גאָט געשאָנקען דעם חן אין מענשענס אויגען, — האָבען איהם ווידער באַלד אַלע ליעב געקראָגען אין דער תפיסה, און דער שומר פון דער וואַך האָט איהם געמאַכט פאַר אַנ'אויפ־זעהער. זענען מיט איהם אין דער תפיסה געזעסן צוויי בעדיענטע פרעה'ס: איינער פרעה'ס בעקער, דער אַנדע־רער פרעה'ס שענקער, וואָס גיסט אָן פרעה'ן דעם כוס. זיי האָבען זיך ביידע פערזינדיגט פאַר דעם קעניג. דעם בעקערס זינד איז געווען, וואָס מען האָט געפונען אין דעם ברויט, וואָס ער האָט דערלאַנגט אויפ'ן קעניגס טיש, דריי טויטע פליגען; און דעם שענקערס זינד איז געווען, אַז ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער וויין פאַר'ן קעניג, זענען אַריינגעפאַלען אין בעכער אַריין אויך דריי פליגען.

איינמאָל זענען ביידע אויפגעשטאַנען אין דער פריה און זיי זענען זעהר טרויעריג געווען. פרעגט זיי יוסף:

— וואָס זענט איהר טרויעריג?

זאָגען זיי, אַז זיי האָבען שלעכטע חלומות געהאַט. זאָגט יוסף צו זיי:

— פערצעהלט מיר אייערע חלומות, ווארום איך קען פותר חלום זיין.

האָט איהם פערצעהלט דער שענקער אזא חלום:

— עס האָט מיר גע׳חלומ׳ט, איך בין געשטאַנען פאַר אַ וויינשטאָק, און פון וויינשטאָק זענען אַראָבגעהאָנגען דריי שטענגלעך. די שטענגלעך האָבן באַלד געבליהט, עס זענען אַרויס די בלימלעך, און באַלד זענען פאַרטיג געוואָרען פעטע וויינטרויבען. האָב איך געהאַלטען פרעה׳ס כוס אין האַנד און אויפגעשניטען די וויינטרויבען און אַריינגעגאָסען די וויין אין בעכער אַריין און דערלאַנגט פרעה׳ן צו טרינקען.

זאָגט יוסף אַזוי: „די דריי שטענגלעך פון וויינשטאָק זענען דריי טעג. אין דריי טעג אַרום וועט דיך פרעה פון תפיסה אַרויסנעהמען, דיך צוריקזעצען פאַר זיין שענקער און דיר צוריקגעבען זיין בעכער אין האַנד אַריין, אַז דו זאָלסט איהם בעדיענען, ווי פריהער. בעט איך דיך, אַז ווען דו וועסט שוין זיין פריי און שטעהן פאַר פרעה׳ס טיש, זאָלסט דו מיך געדענקען און העלפען מיך אַרויסנעהמען פון דאַנען. וואָרום גע׳גנב׳עט האָט מען מיך גע׳גנב׳עט פון יודישען לאַנד, און דאָ האָב איך אויך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, און מען האָט מיך בחנם אַריינגעזעצט אין תפיסה.

אַז דער בעקער האָט געזעהן, ווי גוט יוסף האָט דעם שענקער פותר חלום געווען, זאָגט ער צו יוסף׳ן:

— מיר האָט אויך גע׳חלומ׳ט, אַז איך טראָג דריי קערב מיט געבעק אויף׳ן קאָפּ, און אין אויבערשטען קאָרב זענען די שענסטע און די בעסטע געבעקס פון פרעה׳ס טיש אַראָב. קומען צו פליהען פויגלען און עסען די געבעקס פון מיין קאָפּ אַראָב.

זאָגט יוסף אַזוי: „די דריי קערב זענען אויך דריי טעג. אין דריי טעג אַרום וועט דיך נעהמען פרעה און אויפהענגען דיך, און די פויגלען וועלען אויספּיקען שטיקער פון דיין פליישׁ“.

איז געקומען אין דריי טעג ארום, איז געווען פרעה'ס געבורטס-טאג. האט מען געוואלט מאכען א גרויסען יום-טוב, האט מען דעם בעקער מיט דעם שענקער פון תפיסה ארויסגענומען און געמאכט איבער זיי א משפט. האבען די שופטים אזוי גע'משפט: דער שענקער איז נישט שולדיג דערפאר, ווייל בשעת ער גיסט אן די ווייז אין בעכער אריין, און עס פליהען די פליגען אין בעכער אריין, קען ער זיך קיין עצה נישט געבען, ווייל ביידע הענד זענען איהם פערנומען: אין איינער האלט ער די פלאש, אין דער צווייטער דעם בעכער. אבער דער בעקער, בשעת ער קנעט די ברויט, און עס פליהען פליגען אריין, קאן ער זיי יא ארויסנעהמען, און אז ער נעהמט זיי נישט ארויס, איז ער שולדיג. האבען זיי דעם בעקער אויפגע-האנגען, און דעם שענקער האבען זיי צוריק אויף זיין ארט געזעצט,—אזוי ווי יוסף האט זיי פאראויסגעזאגט. אבער דער שענקער האט יוספ'ן פערגעסען און גאר נישט גע-דענקט אן דאס, וואס ער האט איהם געבעטען.

כה
יוסף ווערט שני למלך

אין אצווייִ יאָהר אַרום חלומ׳ט זיך פּרעהן, דעם קעניג פון מצרים, אַזאַ חלום:

ער שטעהט בּיים טייך, און פון טייך, זעהט ער, געהען אַרויס זיבּען פעטע קיה, שענע און שטאַרקע, און פּיטערן זיך אויף דער לאָנקע. קומען אָבער פון טייך אַרויס אַנדערע זיבען קיה, אויסגעמאָגערטע און אָבגעפאַלענע. עסען די מאָגערע קיה די פעטע קיה אויף, און מען זעהט אין זיי גאָר נישט אָן, אַז זיי האָבּען די פעטע קיה אויפגעגעסען. האָט זיך פּרעה פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

איז ער נאָך אַמאָל איינגעשלאָפען, חלומ׳ט איהם ווייטער:

זיבּען זאַנגען וואַקסען אַרויס פון איין שטענגעל, פולע און קערנערדיגע, און זיבען אַנדערע זאַנגען וואַקסען נאָך זיי אַרויס, אויסגעשלאָגענע און ליידיגע. שלינגען איין די אויסגעשלאָגענע זאַנגען די פעטע.—כאַפּט זיך פּרעה אויף, זעהט ער, אַז עס איז אַ חלום.

שיקט ער נאָך זיינע כשוף־מאַכערס, די אַלטע און די קלוגע לייט פון מצרים, און פערצעהלט זיי דעם חלום און הייסט זיי זאָגען איהם בּעשייד.

הויבּען זיי אָן צו פערצעהלען, אַז די זיבּען פעטע

 יקה מיינט מען, אַז זיבּען טעכטער וועלען איהם געבוירען

ווערען, און די זיבען מאָגערע קיה איז דער טייטש, אַז זיבען טעכטער וועלען איהם שטאַרבען.

זאָגען אַנדערע כשוף־מאַכערם: „ניין די זיבען פעטע קיה מיינט מען, אַז זיבען מלחמות וועט ער געווינען, און די זיבען מאָגערע קיה—הייסט עס, אַז זיבען מלחמות וועט ער פערלירען.

פרעגען דאָך די אַנדערע כשוף־מאַכער׳ס: „און וואָס מיינט מען דערמיט, אַז די זיבען מאָגערע קיה וועלען אויפעסען די זיבען פעטע קיה?"

האָבען זיי דערויף קיין תירוץ נישט געקענט געפינען.

האָבען זיך זייערע רייד נישט געלעגט אויף פרעה׳ס שכל, האָט ער זיי נישט געגלויבט. איז ער בייז געוואָרען אויף זיינע כשוף־מאַכערם און איז אַרומגעגאַנגען טרויעריג איבער זיינע חלומות.

קומט צו געהן דער שענקער פאַר פרעה׳ן, וואַרפט זיך פאַר איהם אויף די קניה און זאָגט אַזוי:

— אַדוני מלך! מיינע זינד טו איך מיך דערמאָנען היינט. געדענקסט, אַז דו ביסט בייז געווען אויף דיינע קנעכט, אויף דעם בעקער און אויף מיר—און האָסט אונז בטוואָרפען אין תפיסה אַריין? האָט אונז ביידען גע׳חלומ׳ט אַ שרעקליכער חלום, און קיינער האָט אונז נישט געקאָנט בעשייד זאָגען. איז דאָרט געזעסען מיט אונז אין תפיסה אַ יודישער יונגעל, אַ קנעכט—האָבען מיר איהם פערצעהלט אונזערע חלומות, האָט ער אונז בעשייד געזאָגט. און אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען: מיך האָט מען צוריק געשטעלט צו פרעה׳ס טיש, און איהם האָט מען אויפגעהאַנגען.

האָט פרעה געגעבן אַ בעפעהל יוספ׳ן פון תפיסה

אַרויסצונעהמען. האָט מען יוספ'ן פון תּפיסה אַרויסגענומען, אויסגעבאָדען איהם און אָנגעטאָן אין גאָלדענע קליידער, ווי עס פּאַסט צו קומען פאַר אַ קעניג. האָט פּרעה ווידער צוזאַמענגערופען אַלע זיינע חכמים, כּשוף־מאַכערס און אַלטע לייט און האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין טרוין. פּרעה'ס טרוין האָט געהאַט זיבעציג שטאַפּלען. אויף דעם ערשטען שטאַפּעל זענען געשטאַנען אַזעלכע כּשוף־מאַכערס, וואָס קענען נור איין שפּראַך, אויפ'ן צווייטען אַזעלכע, וואָס קענען צוויי שפּראַכען,—און אַזוי ביז אויבען. אויף דעם זיבעציגסטען שטאַפּעל איז געזעסען פּרעה אַליין—וואָרום נאָר ער אַליין האָט געקענט די זיבעציג שפּראַכען.

האָט מען יוספ'ן געגעבען אַ פּיהר אַריין און געגעבען איהם אַ שטעל אַוועק פאַר פּרעה'ן און פאַר די כּשוף־מאַכערס. פרעגט מען איהם:

— וויפיעל שפּראַכען קענסט דו, כּדי צו וויסען אויף וואָסער שטאַפּעל זאָלסט דו שטעהן?

ענטפערט יוסף: „אויף דער זיבעציגסטער, ווייל איך קען זיבעציג שפּראַכען".—וואָרום עס איז געקומען צו איהם אַ מלאך ביי־נאַכט און האָט איהם אויסגעלערנט אַלע זיבעציג שפּראַכען.

האָבען זיך אַלע כּשוף־מאַכערס געוואונדערט. אַז ער איז אַרויפגעקומען אויפ'ן זיבעציגסטען שטאַפּעל, זאָגט ער צו פּרעה'ן אין דער שטיל:

— איך קען נאָך אַ שפּראַך—לשון קודש.

זאָגט פּרעה צו איהם אויך אין דער שטיל, אַז די כּשוף־מאַכערס זאָלען נישט הערען:

— איך בעשווער דיך—זאָג עס נישט אויס פאַר די כּשוף־מאַכערס, אַז דו קענסט נאָך אַ שפּראַך! וואָרום ויי

וועלען מיך פֿון טרוין אַראָבוועצען און דיך אַרויפֿוועצען, ווייל דו קענסט נאָך אַ שפּראַך.

האָט ער פּרעה׳ן צוגעשוואָרען. זאָגט פּרעה צו איהם הויך פֿאַר אַלעמען אַזוי:

— אַזוי און אַזוי האָט עס מיר גע׳חלומט—קענסט דו מיר דעם חלום דערקלערען און בעשייד זאָגען, וואָס ער בעטייט?

רופֿט זיך אָן יוסף: „איך נישט, נור גאָט, וואָס רעדט דורך מיר, ער וועט פּרעה׳ן בעשייד זאָגען”.

זענען זיינע רייד שוין געפֿעלען געוואָרען פּרעה׳ן. האָט יוסף אַ קלער געגעבען אַ מינוט, דערנאָך מאַכט ער אַזוי:

— האָרך מיך אויס, דו קעניג פּרעה! האָרכט מיך אויס, איהר קלוגע לייט פֿון מצרים, וואָס איך וועל אייך זאָגען! פּרעה׳סביידע חלומות זענען נור איין חלום—דאָס, וואָס גאָט וויל טון, וויל איך זאָגען יעצט פֿאַר פּרעה׳ן. די זיבען פֿעטע קיה און די זיבען פֿעטע זאַנגען—זענען זיבען יאָהר פֿעטע; די זיבען מאָגערע קיה און די זיבען מאָגערע זאַנגען—זענען ווידער אַנדערע זיבען יאָהר, מאָגערע. ביידע חלומות זענען נאָר איין חלום.

— האָרכט מיך אויס! דאָס וואָס גאָט האָט בדעה צו טון—האָט ער געוויזען פּרעה׳ן אין חלום. זאָלט איהר וויסען זיין: עס וועלען קומען זיבען פֿעטע יאָהר אין מצרים, וואָס אַלע תּבֿואות, פּירות און געוויקסען וועלען זיין דעמאָלט פֿיעל און פֿעט, און אַ גרויסע זעטיגקייט וועט קומען. אָבער נאָך זיי וועלען ווידער אָנקומען אַנדערע זיבען יאָהר, אַזעלכע שלעכטע, אַז די ערד וועט זיין וויסט און גאָרנישט אַרויסברענגען פֿון זיך. און די זיבען מאָגערע יאָהרען וועלען אויפֿעסען די זיבען פֿעטע

און מען וועט גאָרנישט אָנזעהן, אז עס זענען אמאָל גע־וועזן זיבען גוטע יאָהרען. דאָס איז פרעה׳ס חלום. או, וואָס האָט דיר געחלומ׳ט צוויי־מאָל? איז עס דערפאַר, ווייל די זאַך איז אויף געווים בעשטימט ביי גאָט.

— דערפאַר איז מיין עצה אזוי—זאָגט יוסף ווייטער: זאָל זיך פרעה אַרומזעהן און אויסגעפינען זעהר אַ קלו־גען און געראָטענעם מענשען, און זאָל איהם זעצען איבער גאַנץ מצרים. און דער מענש זאָל אַרויסגעבען בעפעה־לען, אז אין די זיבען פעטע יאָהרען זאָל מען צוזאַמענ־נעהמען אַלע איבערגעבליבענע תבואות און געוויקסען; און אויפמויערן זאָל מען גרויסע, גרויסע שפּייכלערס און בע־האַלטען די אַלע תבואות פון די זיבען גוטע יאָהרען, כּדי אז עס זאָל אין די זיבען מאָגערע יאָהרען זיין וואָס צו עסען אין לאַנד.

— אָט דאָס איז דער חלום, און דאָס איז דער בע־שייד—ענדיגט יוסף.

רופט זיך אָן פרעה צו זיינע קנעכט אזוי:

— נו, ווייזט מיר נאָך אין מיין גאַנצער מדינה אזא קלוגען און פערשטאַנדיגען מענשען, ווי ער איז, וואָס גאָט רעדט פון זיין מויל! ניין, דו ביזט דאָס דער פּאַסיגער מענש, וואָס וועגען איהם רעדסטו, און דיך וויל איך מאַכען פאַר אַ שני למלך. דו זאָלסט זיין דער גרעסטער האַר אין מיין לאַנד. אַלע זאָלען ציטערן פאַר דיר, און דו זאָלסט אַרויסגעבען בעפעהלען. אַלע זאָלען דיר פאָל־גען, און קיינער זאָל נישט זיין קיין גרעסערער פון דיר, אחוץ מיר און מיין טרוין, וואָס אויף איהם זיץ איך.

האָט פרעה באַלד אַראָבגענומען די רינג, וואָס מיט איהר חתמ׳עט מען אונטער געזעצען, און האָט זי אָבגע־

געבען יוספ׳ן און אָנגעטאָן איהם אַ גאָלדענע קייט אויפ׳ן האַלז און בעפויהלען, אַז מען זאָל אַרויספיהרען דעם קעניגס פערד און יוספ׳ן אַרויפזעצען אויף איהם, אַז ער זאָל אַרומרייטען איבער אַלע גאַסען פון מצרים, מען זאָל לויפען פאַר איהם און מאַכען פאַראַד און שרייען: דער יונגער מלך! דער יונגער מלך!

און יוסף איז אינגאַנצען אַלט געווען דרייסיג יאָהר, בשעת ער איז געשטאַנען פאַר פרעה׳ן און איז געוואָרען שני למלך איבער גאַנץ מצרים.

כט.

די ברידער אין מצרים.

עס זענען אָנגעקומען די זיבן פעטע יאָהרען, וואָס יוסף האָט געזאָגט. אַלע פעלדער זענען בעדעקט געווען מיט גרינס, די שטענגלעך האָבען טאָפּעלט זאנגען געטראָגען, און די זאנגען זענען געווען בע-לעגט מיט פיעל קערנדלעך. און עס איז געווען אַזוי פיעל עסען, אַז מען האָט נישט געוואוסט, וואָס דערמיט צו טון. האָט יוסף געהייסען אויפשטעלען גרוי-סע שפייכלערס און טיעפע קעלערס גראָבען, און דאָרט אַהין האָט מען געבראַכט אַלע תבואות: גערשטען און קאָרן, ווייץ און האָבער פון אַלע פעלדער פון מצרים. אין די גרויסע שפייכלערס האָט מען עס בעהאַלטען און אָנגעקליבען אַזוי פיעל תבואות, וואָס האָט גאָר קיין עק נישט. און אָט דאָס אַלץ האָט דער שני-למלך, יוסף, גע-פיהרט, און אַלע האָבען איהם געפאָלגט. און ער האָט חתונה געהאַט, גענומען אַ בת-מלכה פאַר אַ ווייב, און ער האָט געהאַט צוויי זיהן פון איהר. האָט ער דעם ערשטען אַ נאָמען געגעבען מנשה—דאָס איז טייטש: „גאָט האָט מיר גוטס געטאָן פאַר אַלץ דאָס שלעכטס, וואָס איך האָב געליטען“, און דעם צווייטען האָט ער אַ נאָמען געגעבען אפרים,—דאָס טייטש: „אין דעם לאַנד, וואו מיר איז שלעכט געווען, בין איך גרויס געוואָרען“.

האָבען זיך שוין אָבער אויסגעלאָזט די זיבן פעטע

יאָהרען און אָנגעהויבען די זיבען הונגעריגע יאָהרען. די ערד איז וויסט געווען. אַז מען האָט געזייהט, איז געקו-מען דער ווינט און אַוועקגעיאָגט די זאָמען, און די ערד האָט גאָרנישט אַרויסגעבראַכט. די בוימער זענען געווען בעלעגט מיט טויטע בלעטער, אָבער בחנם האָט מען געזוכט פרוכטען צווישען די בלעטער, קיין פרוכטען זע-נען נישט געווען. האָבען די מענשען אָנגעהויבען שרייען צו פרעה׳ן:

— גיב אונז עסען, אַז נישט וועלען מיר מיט די קינדער שטאַרבען פאַר הונגער!

זאָגט פרעה: „וואָס שרייט איהר צו מיר? געהט צו יוספ׳ן, און וואָס ער וועט אייך הייסען, דאָס טוט“.

זענען זיי געגאַנגען צו יוספ׳ן. זאָגט יוסף:

— דער וואָס האָט פאַר זיך בעהאַלטען שפּייז אין די גוטע יאָהרען, דער קריגט היינט עסען, און דער וואָס האָט פאַר זיך נישט בעהאַלטען, מוז היינט קויפען.

האָט ער אויפגעעפענט זיינע שפּייכלערס און אָנגע-הויבען אַרויסצוגעבען תבואות פאַר די מענשען.

ערווייל האָט דער הונגער אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט. אין ערגיץ זענען די תבואות נישט געראָטען. האָט מען געהערט, אַז אין מצרים איז פאַרהאַן אַ קלוגער מענש, וואָס האָט בעהאַלטען די תבואות פון די גוטע יאָהרען אין די שפּייכלערס און פערקויפט זיי יעצט, איז מען אָנגעקומען פון דער גאַנצער וועלט קיין מצרים צו יוספ׳ן קויפען עסען, וואָרום דער הונגער איז געווען אומעטום.

איז ער אָנגעקומען אויך קיין חברון, וואו יעקב האָט געוואוינט מיט זיינע קינדער. אויך זיי האָבען נישט גע-

האָט וואָס צו עסען. און אויך זיי האָבען דערהערט, אַז אין מצרים איז אויפגעשטאַנען אַ קלוגער מענש, אַ שני-למלך, וועלכער האָט אויפגעקויפט תבואות אין די גוטע יאָהרען, און יעצט איז דאָרט דאָ עסענוואַרג.

זאָגט יעקב צו די קינדער:

— וואָס זיצט איהר אין דערהיים? מיר וועלען דאָך, חלילה, אויסגעהן פאַר הונגער, מיר מיט די בהמות. נעהמט געלד, לאָדט אָן די קעמלען מיט די אייזלען מיט זעק און נידערט אַראָב קיין מצרים און קויפט אויף עסענוואַרג, ווי די גאַנצע וועלט טוט.

האָט יעקב אָבגעשיקט זיינע צעהן זיהן קיין מצרים, אָבער בנימינ'ען, דעם יונגסטען, יוספ'ס ברודער, האָט ער נישט געוואָלט מיטשיקען, ער האָט מורא געהאַט, עס זאָל איהם קיין שלעכטס נישט געשעהן. און א'הם האָט ער דאָך, נאָך יוספ'ן, צום ליעבסטען געהאַט, ווי אַלעמען,—ער איז דאָך אויך געווען רחל'ס זוהן.

און דער פאָטער האָט אָנגעזאָגט זיינע זיהן, זיי זאָלען נישט אַריינגעהן אין דער שטאָדט אַריין אַלע צעהן מיט אַ מאָל, כדי די שטאָדט זאָל זיך נישט דערשרעקען פאַר זיי, און מען זאָל זיי, חלילה, קיין עין-הרע נישט געבען—אַזוי שטאַרק האָבען זיי אויסגעזעהן—נור יעדער איינער זאָל דורך אַ בעזונדער טויער אין דער שטאָדט אַריינטרעטען.

יוסף האָט זיך אָבער גערינכט יעדען טאָג, אַז אויך זיינע ברידער פון חברון וועלען קומען קיין מצרים צו איהם נאָך תבואה, ווי די גאַנצע וועלט טוט. האָט ער איינגעפיהרט, אַז יעדער פרעמדער, וואָס קומט אַריין דורך אַ טויער אין שטאָדט, זאָל אָבגעבען אַ צעטיל מיט זיין

נאָמען אויפגעשריבען. און אויף דער נאַכט האָט מען צו יוספ'ן געבראַכט אַלע צעטלען, האָט ער געזעהן, ווער עס איז געקומען אין שטאָדט אַריין.

דערזעהט ער אַמאָל אַ צעטיל: ראובן בן יעקב איז געקומען דורך דעם טויער אַריין; ווייטער זעהט ער אַ צעטיל: שמעון בן יעקב איז אַריינגעקומען דורך יענעם טויער,—און אַזוי אַלע זיינע צעהן ברידער. האָט ער געוואוסט, אַז זיי זענען שוין דאָ. האָט ער געגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל אַלע שפּייכלערס צומאַכען, נור איין שפּייכלער עפענען, און ביי דעם שפּייכלער האָט ער זיך אַליין אַוועקגעשטעלט אַרויסגעבען תבואות.

גיט ער אַ קוק, דערזעהט ער: די צעהן ברידער אויף די קעמלען קומען אָן צו רייטען, שלאָגט איהם דאָס האַרץ, נור ער מאַכט זיך שטאַרק. גיבען זיי אַ קום אָן, גיט ער אַ פרעג:

— ווער זענט איהר?

זאָגען זיי: „מיר זענען יודען פון חברון און קומען נאָך תבואה".

זאָגט ער: „ניין, איהר זענט אויסשפּירער, מרגלים זענט איהר—דאָס לאַנד זענט איהר געקומען אויסקוקען!"

זאָגען זיי: „ניין, האַר פריץ, מיר זענען נישט קיין מרגלים, מיר זענען עהרליכע, רוהיגע מענשען".

זאָגט ער: „וועלען מיר באַלד זעהן. ברענגט מיר מיין צויבער־בעכער!"

האָבען זיינע קנעכט איהם געבראַכט אַ בעכער. קיין צויבער־בעכער איז דאָס נישט געווען, נור ער האָט דאָך סיי ווי סיי פון אַלץ געוואוסט. גיט ער אַ נעהם דעם בעכער

אין האַנד אַריין און גיט אַ קלאַפּ אין איהם—און האָרכט זיך אַיין אין זיין קלאַנג. זאָגט ער:

— מיין בעכער זאָגט מיר, אַז צוויי פון אייך האָבען אַ שטאָדט אויסגעהרג'עט.

ווערען זיי בלייך און פרעגען: „וועלכע צוויי?"

גיט ער ווידער אַ קלונג מיט'ן בעכער און אַ וויין אויף שמעון און לוי. זענען זיי שוין דערשראָקען געוואָרען. ענטפערען זיי אַזוי:

— טאַקע מיר האָבען אַ שטאָדט אויסגעהרג'עט, וייל זיי האָבען אונזער שוועסטער פערשעמט, אָבער דאָ זענען מיר געקומען תבואות קויפען, און מיר זענען אָרענטליכע מענשען. צוועלף זיהן פון איין אַלטען טאַטען זענען מיר: איינעם האָבען מיר ביים טאַטען איבערגעלאָזט, און איינער איז ניטאָ.

גיט יוסף אַ פרעג: „וואו איז דער, וואָס איז נישט דאָ?"

זאָגען זיי: „ער איז געשטאָרבען".

נעהמט יוסף דעם בעכער צו זיין אויער:

— ניין, זאָגט ער: איהר זאָגט ליגען. ער איז נישט געשטאָרבען. ער לעבט, איהר האָט איהם פערקויפט פאַר אַ קנעכט.—איז עס וואָהר?

האָבען זיי די קעפּ אַראָבגעבויגען צו דר'ערד און געשוויגען. זאָגט יוסף אַזוי:

— אויב עס איז וואָהר, וואָס איהר זאָגט, אַז איהר זייט נישט קיין מרגלים, נעהמט אייך תבואות, וויפיעל איהר דאַרפט, און געהט אַהיים צו אייער פאָטער און ברענגט מיר דעם קליינעם ברודער אייערן. און ביז וואַנען איהר וועט נישט צוריקקומען, וועל איך האַלטען איינעם דאָ פון אייך אין דער תפיסה. און אַז איהר וועט מיר

ברענגען דעם קליינעם ברודער, וועל איך וויסען, אַז איהר האָט וואָהר געזאָגט, און וועל אייך פריי לאָזען.

און געזאָגט האָט ער דאָס דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט זעהן זיין קליינעם ברודער בנימין. זאָגט איין ברודער צום אַנדערן אויף לשון קודש, אַז יוסף זאָל נישט פערשטעהן:

— דאָס האָבען מיר זיך פערזינדיגט איבער אונזער ברודער יוסף. ער האָט זיך געבעטען ביי אונז: ברענגט מיך צום טאַטען צוריק! מיר האָבען געזעהן זיינע טרע-רען און מיר האָבען נישט אויף איהם קיין רחמנות גע-האַט. דערפאַר שטראָפט אונז גאָט.

רופט זיך אָן צו זיי ראובן אויך אויף לשון קודש:

— איך האָב דאָך אייך באַלד געזאָגט: פערזינדיגט אייך נישט אָן דעם קינד, איהר האָט מיר נישט געוואָלט פאָלגען—אָט האָט איהר אייער שטראָף.

און זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז יוסף פערשטעהט זייערע ווערטער. האָט זיך יוסף אויך נישט געקענט איינ-האַלטען, די טרערען זענען איהם געקומען אין די אויגען. האָט ער זיך אָבגעקעהרט אין אַ ווינקעל און האָט זיך גוט אויסגעוויינט, אַז די ברידער זאָלען נישט זעהן. דערנאָך האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און געגעבען אַ בעפעהל צו בינדען שמעון׳ען, דערפאַר ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז שמעון און לוי זאָלען זיך ווידער נישט מאַכען אַ בונד און אויס־הרג׳ען די שטאָדט, ווי זיי האָבען אויסגע־הרג׳עט די שטאָדט שכם. רופט זיך אָן שמעון:

— ברידער, איהר ווילט מיר נישט העלפען, וועל איך מיר אַליין אַן עצה געבען: איך וועל זעהן, ווער עס וועט מיך נעהמען!

האָט יוסף געגעבן אַ בעפעהל, האָבן זיך פּופּציג מצרישע העלדען אַלאַז געטאָן אויף שמעונ׳ען. האָט אָבער שמעון געגעבן אַ ברום, זענען זיי באַלד צוריק אָבגע־שפּרונגען, און די ציינער זענען בײַ זיי אַרויסגעפאַלען פאַר שרעק. האָט יוסף געזעהן, אַז עס איז נישט גוט: מיט די מצרישע העלדען וועט ער איהם נישט קענען נעהמען. האָט ער געגעבן אַ שיק נאָך זיינע צוויי זיהן: נאָך מנשה׳ן און אפרים. האָבן זיי זיך ביידע געגעבן אַ וואָרף אויף איהם, און מנשה האָט איהם געגעבן אַ קלאַפּ. האָט ער זיך באַלד אונטערגעגעבן. רופט זיך אָן שמעון צו זיינע ברידער:

— ברידער, דאָס איז נישט קיין מצרישע קלעפּ! — דאָס זענען פון אונזערע קלעפּ. די לייט מוזען זיין פון אונזער משפּחה.

האָבן זיי שמעונ׳ען געבונדען און געוואָרפען אין תּפיסה אַריין. און יוסף האָט בעפויהלען אָנצופילען זייערע זעק מיט תּבואות און מיט די שענסטע פּרוכטען, און די געלד, וואָס זיי האָבן איינגעצאָהלט פאַר די תּבואות, האָט ער געהייסען זיי צוריק אַריינלעגען אין די זעק אַריין. שמעונ׳ען האָט ער נור געבונדען פאַר די ברי־דערס אויגען, נור קוים זענען די ברידער אַוועק, האָט ער איהם געהייסען אויפבינדען און געבען איהם צו עסען פון זיין טיש אַראָב.

אויפ׳ן וועג, אַז די ברידער זענען אין אַ גאַסט־הויז אַריינגעקעהרט, האָט איינער פון זיי געעפענט אַ זאַק תּבואה צו געבען עסען די קעמלען, האָט ער אינעווייניג געפונען זיין געלד, וואָס איז געלעגען אויבען אויף אין זאַק. איז ער געקומען צו לויפען צו די ברידער און זיי פערצעהלט. האָבן זיי נאָך מעהר מורא געקראָגען.

ל.

יוסף עסט מיט זיינע ברידער.

זענען זיי אַהיים געקומען צום פאָטער און האָבען איהם פערצעהלט די גאַנצע מעשה: ווי שלעכט דער שני למלך איז זיך מיט זיי בעגאַנגען און ווי ער האָט אויף זיי אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז זיי זענען שפיאָנעס, און שמעונ׳ען האָט ער איינגעשלאָסען און וועט איהם נישט פריהער פריילאָזען, ביז זיי וועלען איהם נישט ברענגען בנימינ׳ען, כדי ער זאָל זעהן, אַז זיי האָבען וואָהר געזאָגט, אַז זיי זענען נישט קיין מרגלים, נור ברידער פון איין טאַטען. „און מיר האָבען נאָך געפונען צוריק אונזער געלד אין די זעק. ווער ווייס, צי וועט ער נישט אויף אונז אַ נייעם בלבול אויסטראַכטען?"

זאָגט יעקב: „מעג געשעהן, וואָס זאָל געשעהן, נור מיין קינד בנימינ׳ען שיק איך נישט מיט מיט אייך. איהר ווייסט וואויל: צוויי קינדער האָט מיר זיין מוטער געבוירען, איז איינער אַוועקגעגאַנגען און איז נישט מעהר צוריקגעקומען, יעצט ווילט איהר מיר נאָך דעם אַוועקנעהמען? ניין, זאָל געשעהן, וואָס עס וויל—איך וועל אייך בנימינ׳ען נישט מיטגעבען!"

רופט זיך אָן ראובן צום פאָטער: „פאָטער, איך האָב צוויי קינדער,—דו זאָלסט מיינע קינדער טויטען, אויב איך וועל דיר נישט בנימינ׳ען צוריק ברענגען. גיב איהם אין מיין האַנד: איך בין ערב פאַר איהם:"

זאָגט יעקב: „דו בכור-נאַר! זענען דען דיינע קינדער נישט מיינע? ווי הייסט, איך וועל זיי טויטען? ניין, איך וועל אייך מיין קינד נישט מיטגעבען".

איז אָבער געקומען אַ גרויסער הונגער. די ביסעל תבואה, וואָס זיי האָבען געבראַכט פון מצרים, האָט זיך שוין אויסגעלאָזט, און מען האָט געדאַרפט ברענגען נייע תבואות. זאָגט דער פאָטער:

צו וואָס האָט איהר איהם געזאָגט, אַז איהר האָט נאָך אַ ברודער?

ענטפערען זיי: „מיר וואָלטען איהם נישט געזאָגט, וואָלט ער אַליין געוואוסט; ער האָט אַ בעכער, וואָס פון איהם ווייס ער אַלץ, און מיר האָבען איהם געמוזט זאָגען, כדי אופוייזען אונזער גערעכטיגקייט.—טאַטע, אַז דו וועסט נישט מיטשיקען בנימינ׳ען, וועלען מיר נישט געהן אַהין, ווייל עס וועט הייסען, אַז מיר האָבען ליגען געזאָגט".

געהט יהודה צו צום פאָטער, זאָגט ער:

— טאַטע, גיב איהם אין מיין האַנד איבער. איך בין ערב פאַר איהם, אַז איך וועל איהם צוריקברענגען אַ גאַנצען פאַר דיינע אויגען. פון מיין האַנד זאָלסט דו איהם פאָדערן. אויב איך וועל דיר איהם נישט ברענגען צוריק, זאָל איך פאַר דיינע אויגען נישט קומען, זאָל איך זיך פערזינדיגען פאַר דיר אויף מיין גאַנצען לעבען!

האָט דער פאָטער פערשטאַנען, אַז אויף יהודה׳ן קען ער זיך פערלאָזען — ער איז געווען דער קליגסטער און דער שטאַרקסטער פון אַלע ברידער — האָט ער אײַבערגעגעבען בנימינ׳ען אין יהודה׳ס האַנד, זיי טאָפּעלט געלד מיטגעגעבען — צו קויפען נייע תבואות און אָבצוגע-בען צוריק די געלד, וואָס זיי האָבען געפונען אין די זעק.

איך האָט דער פאָטער זיי מיטגעגעבען אַ ביסעל גע־שמאַקע אייל און אַ ביסעל שמעקעדיגע בשמים—אַ מתּנה פאַר דעם שני־למלך, און ער האָט זיי געבענשט, אַז זיי זאָלען מצליח זיין, און האָט זיי געשיקט אין וועג אַריין.

זענען זיי געקומען און האָבען זיך געשטעלט פאַר יוסף׳ן. האָט יוסף אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל שעכטען עופות און מאַכען אַ סעודה, און בעטען די ברי־דער צו איהם צום טיש. ווי די ברידער האָבען דער־זעהן, אַז מען פיהרט זיי אין יוסף׳ס הויז, האָבען זיי גע־מיינט, אַז דאָס פיהרט מען זיי וועגען די געלד, וואָס זיי האָבען געפונען אין די זעק. געהען זיי צו יוסף׳ס מענשען און פערצעהלען פון די געלד, וואָס זיי האָבען געפונען, און גיבען עס צוריק אָב. זאָגען די מענשען:

— אייער געלד האָבען מיר ריכטיג בעקומען פאַר די פריהערדיגע תבואות. דאָס האָט אוודאי גאָט אַן׳אוצר אייך צוגעשיקט; נעהמט עס צו, עס איז אייער געלד. מען האָט אייך געבראַכט צו יוסף׳ן דערפאַר, וואָס דער האַר וויל מיט אייך צוזאַמען עסען.

האָט מען זיי די הענד און די פיס געוואַשען, אָנ־געטאָן זיי ריינע קליידער און אַרויסגעלאָזט צו זיי שמעוני׳ען. האָבען זיי אַרויסגענומען די מתּנה, וואָס דער פאָטער האָט געשיקט פאַר יוסף׳ן, און זיי האָבען געוואַרט, ביז ער וועט קומען.

איז יוסף געקומען צום טיש, האָט ער זיך מיט זיי געגריסט און געפרעגט:

— וואָס מאַכט אייער אַלטער פאָטער?—לעבט ער נאָך?

— יאָ, און ער לאָזט דיך גריסען און שיקט דיר מיט די מתנה,—זאָגען זיי איהם און גיבען איבער די מתנה יוספ׳ן.

האָט זיך יוסף זעהר געפרעהט מיט דעם פאָטערס מתנה. גיט ער זיך אַ קוק אום, דערזעהט ער בנימינ׳ען. פרעגט ער:

— איז דאָס אייער יונגסטער ברודער?

איז יוסף צו צו איהם און האָט איהם געהאַלזט, ווארום ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען—אַ רחמנות האָט איהם אַרומגענומען אויף זיין ברודער, זענען איהם די טרערען געקומען אין די אויגען אַריין. איז ער אַרויס פון סאַלע, אַז מען זאָל נישט זעהן, ווי ער וויינט, און איז אַריין צו זיך אין שטוב און גוט זיך אויסגעוויינט. דערנאָך האָט ער זיך דעם פנים געוואַשען, אַז מען זאָל נישט אָנזעהן זיינע טרערען, און איז צוריק אַריין אין סאַלע און גענומען דעם בעכער אין האַנד אַריין און געקלונגען אין איהם, צוגעלעגט צום אויער און געזאָגט:

— מיין בעכער זאָגט מיר, אַז ראובן איז דער בכור,— זאָל ער זיך זעצען פון אויבען אָן; שמעון איז דער צווייטער...

אַזוי האָט ער אויסגערעכענט אַלע און זיי אַוועקגעזעצט ביים טיש לויט דער עלטער נאָך. און פאַר זיי האָט מען געדעקט בעזונדער, נישט מיט די מצרים אינאיינעם, כדי אַז די פרעמדע זאָלען נישט שטערען די ברידער. האָט יוסף געהייסען ברענגען מתנות און האָט יעדען געגעבען אַ מתנה, נור בנימינ׳ען האָט ער געגעבען מעהר מתנות פון אַלע ברידער, פינף מאָל אַזוי פיעל. און ער האָט געגעסען, געטרונקען און געפרעהט זיך מיט זיי. און זיי האָבען נאָך אַלץ נישט געוואוסט, אַז ער איז זייער ברודער.

כ״א
יוסף גיט זיך צו דערקענען זיינע ברידער.

אז עס איז געקומען די צייט, ווען זיי האָבען בעדאַרפט פאָהרען צוריק אַהיים מיט די נייע תבואות, האָט יוסף געגעבען אַ בעפעהל צו זיינע לייט, אַז זיי זאָלען ווידער צוריק אַריינלעגען זייערע געלד אין די זעק אַריין, און אויך דעם זילבערנעם בעכער, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד און וואָס דורך איהם האָט ער פאַר זיי כשוף געמאַכט, זאָלען זיי אַריינלעגען אין דעם יונגסטען ברודערס זאַק.

אַז עס איז פאַרטאָג געוואָרען, האָבען די ברידער גענומען די זעק אויף די קעמלען און האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין, צו געהן צוריק צום פאָטער, מיט שמעון׳ען און בנימינ׳ען—און שוין מיט אַ רוהיג האַרץ. ווי זיי זענען נור געווען אָב אַ שטיקעל וועג, האָט יוסף נאָכגעשיקט נאָך זיי זיינע מענשען, אַז מען זאָל זיי כאַפּען

זענען זיי די מענשען נאָכגעלאָפען און געכאַפּט די ברידער און געזאָגט:

— דאָס האָט איהר בעצאָהלט אונזער האַר שלעכטס פאַר גוטס! ער האָט אייך אַריינגעבעטען צו זיך אין שטוב, און געגעסען מיט אייך ביי איין טיש, און אייך פריי געלאָזט, און מתנות מיטגעגעבען. יעצט האָט איהר איהם דעם זילבערנעם בעכער צוגע׳גנב׳עט, וואָס דורך איהם מאַכט אונזער האַר כשוף!

זאָגען די ברידער צו די מענשען:

— וואָס רעדט איהר? מיר זענען אָרענטליכע לייט, די געלד, וואָס מיר האָבען געפונען אין די זעק, האָבען מיר אייך צוריק אָבגעבראַכט — ווען מיר ביי אייך א בעכער גנב׳ען? זוכט ביי אונז! ביי וועמען איהר וועט געפינען דעם בעכער, יענער זאָל געטויט ווערען, און מיר אַלע זאָלען זיין ביי אייך קנעכט.

זאָגען די מענשען: „גוט, עס זאָל זיין, ווי איהר זאָגט“.

זענען זיי פלינק אַראָב פון די קעמלען, האָבען אויפגעעפענט די זעק און געוויזען די לייט. האָבען זיי אָנגעהויבען צו זוכען. ביי ראובנ׳ען נישט געפונען, דערנאָך ביי שמעונ׳ען — אויך אַזוי, ביז זיי זענען דערגאַנגען צו בנימינ׳ען. האָבען זיי געפונען דעם בעכער אין בנימינ׳ס זאַק. זענען די ברידער נשתומם געבליבען, צעריסען אויף זיך די קליידער און צוריק געזעצט זיך אויף די אייזלען און אַריינגעריטען אין שטאָדט אַריין און געשטעלט זיך פאַר יוספ׳ן. זאָגט יוסף צו זיי:

— דאָס האָט איהר מיר אָבגעטאָן! איהר האָט דאָך געוואוסט, אַז איך בין אַ כשוף־מאַכער, און אַז איך וועל וויסען, אַז איהר האָט מיך בע׳גנב׳עט.

זאָגט יהודה: „וואָס זאָלען מיר רעדען, וואָס זאָלען מיר זאָגען? דו ביסט גערעכט, מיין האַר. גאָט האָט אונז זינדיגען געמאַכט, מיר אַלע וועלען דיר זיין קנעכט.

זאָגט יוסף: „ניין, דער, וואָס ביי איהם האָט מען געפונען דעם בעכער, דער וועט מיר זיין אַ קנעכט, און איהר קענט זיך געזונטערהייד אַהיים געהן צו אייער טאַטען“.

האָט זיך געגעבען יהודה אַ שטעל אַוועק טעני'ען פאַר יוספ'ן און זאָגט:

— לאָז מיך דיר זאָגען, ו האָסט אונז געפרעגט, אויב מיר האָבען אַ טאַטען אָדער אַ ברודער, און מיר האָבען דיר געזאָגט, אַז מיר האָבען אַן אַלטען טאַטען און אַ יונגסטען ברודער—ער אַליין איז געבליבען פון זיין מו־טער, און דער פאָטער האָט איהם ליעב, דעם פאָטערס נשמה איז צונויפגעבונדען מיט דעם קינדס נשמה. און דו האָסט פערלאַנגט, אַז ער זאָל קומען, און דער פאָטער האָט איהם נישט געוואָלט מיטגעבען. בין איך ערב גע־וועז פאַר איהם, אַז איך וועל איהם אַהיים ברענגען — און יעצט, אַז מיר וועלען אַהיים קומען אָהן איהם, וועט דער פאָטער שטאַרבען. ער האָט גע'גנב'עט, — לאָז מיך אַוועקשטעלען זיך דיענען פאַר איהם, און איהם לאָז אָב צום טאַטען.

זאָגט יוסף: „ניין, דער, וואָס ביי איהם האָט מען געפונען דעם בעכער, דער זאָל דיענען".

איז יהודה בייז געוואָרען, די האָר פון האַרץ האָ־בען זיך איהם געגעבען אַ שטעל אויף, ווי נאָדלען, און דורכגעשטאָכען זיין העמד, און פון די אויגען האָט ביי איהם אָנגעהויבען רינען בלוט. און ער האָט געגעבען אַ ברום, האָט מען געהערט פיער הונדערט מייל אויף פיער הונדערט מייל.

ווי יוסף האָט געזעהן, אַז יהודה ווערט בייז, האָט ער געגעבען אַ קלאַפּ אויפ'ן שטיין, וואָס אויף איהם איז ער געזעסען, איז ער באַלד צעשמעטערט געוואָרען.

האָט יהודה געגעבען אַ זאָג צו זיין ברודער נפתלי:

— ברודער נפתלי! דו ביסט גרינג, ווי אַ הירש, —

לויף און זעה, וויפיעל מערק עס זענען דאָ אין שטאָט.
אין אַמינוט אַרום איז נפתלי שוין צוריקגעקומען:
— צוועלף מערק, ברודער יהודה.
זאָגט יהודה צו די ברידער:
— ב־ידער! נעהמט יעדער פון אייך איין מארק, בנימין איז נאָך קליין—וועל איך נעהמען די דריי איבער־געבליבענע מערק אויף זיך, און לאָזען מיר מאַכען אַתל פון דער שטאָדט.
זאָגען די ברידער: „גוט".
זעהט יוסף, אַז עס איז שלעכט, גיט ער אַגעשריי:
— געהט אַרויס פון מיר, מצרים, און לאָזט מיך אַליין!
איז ער געבליבען מיט די ברידער אַליין, גיט יהודה אַזאָג:
— דו האָסט געשוואוירען ביי פּרעה הרשע, און איך שווער ביי יעקב הצדיק. ציה איך אַרויס מיין שווערד, מאַך איך אַתל פון מצרים!
זאָגט יוסף: „ווען דו וועסט אַרויסנעהמען די שווערד, וועל איך זי דיר אַרום האַלז וויקלען".
איז יהודה ווידער אין כעס געוואָרען — כאַפּט ער אייזערנע קוילען אין מויל אַריין, צעקייט זיי אויף שטויב און זאָגט:
— אַזוי ווי איך צעקיי די קוילען, אַזוי וועל איך די גאַסען פון מצרים בעפאַרבען מיט בלוט!
זאָגט יוסף:
— גוטע פאַרבער זייט איהר פון שטענדיג אָן גע־ווען. איך ווייס עס, איהר האָט אייער ברודערס העמדיל אויך איז בלוט געפאַרבט.

זענען זיי בלייך געוואָרען און אָנגעקוקט איינער דעם צווייטען.

ווי יוסף האָט געזעהן, אַז די ברידער ווערען בלייך, זענען איהם די טרערען געקומען אין די אויגען, און ער האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען—האָט ער געזאָגט:

— איהר האָט געזאָגט, אַז אייער ברודער איז טויט, וועט איהר איהם באַלד זעהן, ער לעבט!

און ער רופט אין טיר: „יוסף, יוסף, קום אַריין!"

זענען די ברידער אויפגעשפרונגען, ווי די לייבען, האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען, וואו יוסף איז, און איהם אָנגעהויבען זוכען מיט די אויגען.

רופט זיך יוסף אָן:

— איהר זוכט איהם מיט די אויגען—דערקענט איהר מיך נישט? איך בין דאָך אייער ברודער יוסף, וואָס איהר האָט מיך פערקויפט! זעהט, איך רעד מיט אייך לשון קודש.—

זענען זיי נשתומם געבליבען און געפאַלען זיך אלע איינאיינעם אויפ'ן האַלז און אַרומגענומען זיך איינאיינעם און הויך, הויך געוויינט.

ל״ב

יעקב זעהט זיך מיט יוסף׳ן

האָט יוסף צו יהודה׳ן אַזוי געזאָגט:

— ברודער יהודה! איך ווייס, אַז דו האָסט די עצה געגעבען, מען זאָל מיך פער־קויפען. לאָז דיר נישט באַנג טון, וואָס דו האָסט מיך פערקויפט קיין מצרים—זעהסט דאָך, עס איז דאָך געווען אַ גאָטס־זאַך, כדי איך זאָל די וועלט ראַטע־ווען פון הונגער. יעצט פאָהר אַהיים צום טאַטען—און ברענגט׳ס מיר דעם טאַטען דאָ אַהער. איהר אַלע וועט דאָ וואוינען ביי מיר אין מצרים אין פּאַלאַצען און אין גערטענער, דען איך בין דער גרעסטער האַר פון מצרים, שני למלך, און קיינער איז נישט קיין גרעסערער פאַר מיר, אַחוץ פרעה.

האָט זיך יוסף איבערגעבעטען מיט די ברידער, און זיי האָבען זיך איינער דעם צווייטען מוחל געווען פאַר די אונרעכט, און יוסף האָט זיי שענע מתנות געשאָנקען, און דערפאַר וואָס ער האָט בנימינ׳ען פערשעמט און בחנם פאַר אַ גנב איהם געמאַכט, האָט ער איהם מעהר מתנות געגעבען פון אַלעמען. און ער האָט געשיקט זאָגען אין קעניגס הויף, אַז זיינע ברידער זענען געקומען. האָט זיך דער קעניג זעהר געפרעהט און האָט זיי געוואָלט זעהן. האָט יוסף פאָרגעשטעלט די ברידער פאַר׳ן קעניג, זענען זיי איהם זעהר געפעלען געוואָרען. האָט ער געהייסען יוסף׳ן, אַז ער זאָל שיקען וועגען נאָך זיין פאָטער, אַז זיי

זאָלען אַלע קומען דאָ אַהער צו איהם אין לאַנד אַריין,— וועט ער זיי גליקליך מאַכען. זאָלען זיי דאַרטען נישט קוקען אויף דעם ביסעל פעלד, וואָס זיי האָבען, זיי זאָלען דאָס איבערלאָזען. וואָרום ער האָט דאָ פעלד גענוג און וועט זיי אַ גאַנצע שטאָדט אָבגעבען.

האָבען די ברידער טאַקע אַזוי געטאָן: אָנגעלאָדען די אייזלען מיט די קעמלען מיט אַלערליי תבואות און פּרוכטען, און מתנות האָט יוסף מיטגעשיקט פאַר׳ן פאָטער, די שענסטע פרוכטען און געוויקסען, צו דערקוויקען זיין האַרץ אויפ׳ן וועג. און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך נישט קריגען אויפ׳ן וועג און נישט פאָרוואַרפען איינער דעם צווייטען, אַז ד ע ר, אָדער ד ע ר האָט געהייסען איהם פערקויפען, וואָרום ער האָט שוין סיי ווי סיי אַלעמען מוחל געווען, און עס איז נור דערפון אַרויסגעקומען אַ טובה.

דערנאָך אַז די ברידער זענען אַהיים געקומען און פערצעהלט דעם אַלטען טאַטען, אַז זיין זוהן יוסף לעבט, און ער איז גאָר אַ געוועלטיגער איבער׳ן גאַנצען לאַנד מצרים האָט ער זיי נישט געוואָלט גלויבען. נור אַז זיי האָבען איהם געוויזען די וועגען און די מתנות, וואָס זיין זוהן האָט מיטגעשיקט, איהם צו ברענגען קיין מצרים—האָט ער זיך ערשט אין די הענד געפּאַטשט און געשריגען פאַר פרייד:

— אָ, מיין זוהן לעבט נאָך!—איך וויל איהם זעהן, איידער איך וועל שטאַרבען.

האָט ער באַלד געהייסען שפּאַנען די וועגען און צו־זאַמענגענומען אַלע די זייניגע, די וייבער מיט די קינדער און די אייניקלעך, און אַלע זענען זיי אַוועק קיין מצרים זעהן יוספ׳ן. אויפ׳ן וועג קיין באר־שבע האָט יעקב גע־הייסען האַלטען און דאָרט האָט ער גאָט קרבנות געבראַכט

און געדאַנקט איהם דערפאַר, וואָס ער האָט די זכיה גע-
האַט, ער זאָל נאָך דערלעבען זעהן זיין זוהן יוסף.

און אַז יוסף האָט זיך דערוואוסט, אַז דער פאָטער קומט,
האָט ער פלינק געשפאַנט זיין רייט-וואָגען און איז איהם
מיט ויינע העלדען און זעלנער אַנטקעגען געריטען. ווי יוסף
האָט דערזעהן, אַז זיין פאָטער מיט דער גאַנצער משפחה
קומען אָן, איז ער אַראָב פון רייט-וואָגען און איז געפאַלען
אויפ'ן פאָטערס האַלז—און זיי האָבען לאַנג-לאַנג געוויינט.
און יעקב האָט געזאָגט:

— אָ, יעצט קען איך שוין רוהיג שטאַרבען,—אַז איך
חיים נור, אַז דו לעבסט!

און יוסף האָט אַריינגעבראַכט זיין פאָטער מיט זיין
הויזגעזינד קיין מצרים און גענומען פופציג מאַן פון זיי
מיט דעם אַלטען טאַטען און האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר
פרעה'ן. פרעגט פרעה יעקב'ן:

— ווי אַלט ביזט דו שוין, אַלטער?

זאָגט יעקב: „הונדערט און דרייסיג יאָהר. האַר,
שלעכטע און וועניג יאָהרען דערלעבט".

זענען זיי אַלע פרעה'ן זעהר גוט געפעלען. האָט ער
געזאָגט צו יוסף'ן:

— דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר זיי. גיב זיי אָב די
בעסטע שטיק ערד, וואָסערע דו ווילסט.

זאָגט יוסף: „מיינע ברידער זענען שעפער, און דאַר-
פען גוטע פאַשע די שעפסען צו פאַשען".

האָבען זיי נישט געוואָלט צוזאַמען וואוינען מיט די
מצרים, כדי זיי זאָלען זיך נישט זייערע שלעכטע מדות
אָבלערנען, האָט זיי יוסף אַ בעזונדער שטיק לאַנד אָב-

געגעבען—דאָס לאַנד גושן, האָבען זיי זיך אַלע בעזעצט אין גושן און זיך דאָרט געמעהרט און געפרוכפּערט. און פון זיי זענען אַרויסגעקומען אַלע יודען, וואָס האָבען דערנאָך שווער געאַרבייט ביי פרעה הרשע, און וואָס אונזער רבי משה האָט זיי אויסגעלייזט פון מצרים, ווי מיר וועלען דאָס שפּעטער, מיט גאָטס הילף, בעשרייבען פון חומש אַרויס.

יעקב בענשט יוספ׳ס קינדער

ל״ג

יעקבס טויט

אין אַ צייט אַרום איז יעקב קראַנק געוואָרען און האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. האָט יוסף געהערט דערפון, דאַט ער גענומען זיינע צוויי זיהן, מנשה או   פרים, און איז געגאַנגען דעם פאָטער מבקר חולה זיין. אַז דער פאָטער האָט געהערט, אַז יוסף איז געקומען, האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַלע מעגליכקייטען און אויפגעזעצט זיך אויפ׳ן בעט. האָט ער געבענשט יוספ׳ס צוויי זיהן און האָט געזאָגט:

— דיינע צוויי זיהן מנשה און אפרים זאָלען זיין געגליכען, ווי מיינע צוויי זיהן, ווי ראובן און שמעון, און זיי ביידע זאָלען אויך האָבען אַ טייל אין ישראל און ווערען גערעכענט פאַר אַ בעזונדער שבט.

און עס איז אַזוי געבליבען ביז׳ן היינטיגען טאָג.

האָט יעקב געבעטען זיין זוהן יוסף, אַז ער זאָל איהם צושווערען, אַז מען וועט איהם נישט בעגראָבען אין מצרים, נור מען וועט איהם צוריק פיהרען קיין ארץ־ישראל און דאָרט איהם בעגראָבען. זאָגט יעקב אַזוי צו איהם:

— אָבער איך האָב נישט אַזוי געטאָן. אַז דיין מאַמע רחל איז געשטאָרבען, האָב איך זי נישט בעגראָבען אין דער מערת־המכפלה, כאָטש עס איז נאָך געווען אַ תחום־שבת אין גאַנצען צו אפרת, קיין בית־לחם. דאָך

האָב איך זי נישט אַריינגעבראַכט קיין בית־לחם, אַז איך זאָל זי בעגראָבען אין ארץ־ישראל, נור איך האָב זי בע־גראָבען אויפ'ן וועג קיין בית־לחם. ביזט דו דאָך בייז אויף מיר, — זאָג איך דיר, אַז עס איז געווען, ווייל גאָט האָט מיר אַזוי געהייסען. דאָס איז דערפאַר, ווייל ווען נבוזרדן וועט אַמאָל די יודען פון ארץ־ישראל אַרויסטרייבען, וועט ער זיי איבער דעם וועג פאַרבייטרייבען. וועט די מאַמע רחל אַרויסגעהן פון קבר און וויינען פאַר גאָט, ווי עס שטעהט אין פסוק: קול ברמה נשמע — אַ שטים הערט זיך אין רמה, אַ ביטער געוויין, רחל קלאָגט אויף די קינדער. וועט זיך גאָט איבער זיי מרחם זיין. דערפאַר האָב איך זי בעגראָבען אויפ'ן וועג.

האָט יוסף פערשטאַנען, אַז דער פאָטער האָט רעכט געטאָן. דערנאָך האָט יעקב געבענשט זיינע צוויי איינִיק־לעך און געזאָגט צו יוסף'ן:

— דיר גיב איך נאָך איבער, אַחוץ דער ירושה, וואָס דו וועסט האָבען מיט אַלע דיינע ברידער, דאָס, וואָס איך האָב נאָך אַוועקגענומען פונ'ם אמורי מיט מיין שווערד און בויגען. און זאָל אייך גאָט העלפען, אַז איהר זאָלט נאָך מיין טויט בשלום צוריקקומען אין אייער לאַנד אַריין.

דערנאָך האָט יעקב געהייסען צונויפרופען אַלע זיינע קינדער. ווענען געקומען די קינדער און האָבען זיך אַרום־געשטעלט אַרום זיין בעט. האָט ער יעדען בעזונדער גע־בענשט און גערעדט צו יעדען בעזונדער און געזאָגט אַזוי:

— הערט מיך אויס, יעקב'ס קינדער, האָרכט אייער פאָטער ישראל!

ראובן, דו ביסט מיין בכור, דיר אייגענטליך האָט

געזאָלט געהערען די בכורה, נור דו ביזט געוועזען אַזוי אײַלענדיג, ווי אַ שטרוים וואַסער, און דו האָסט דײַן פאָ־טער פערשעמט.

שמעון און לוי זענען ברידער; זיי לעבען אויף זיי־ער שווערד, זענען שטענדיג אין איין עצה—אָ, איך וויל נישט זײַן אין זייער חברותא! אַז זיי ווערען בייז, הרג'ען זיי אַ מענש, צעטרעטען זיי אַ נ'אָקס. איך פערשילט זייער צאָרן, וואָרום ער איז שטאַרק. זאָלען זיי פערשפּרייט זײַן צווישען אַלע יודען, נור נישט זײַן צוזאַמען.

יהודה, דיך וועלען ליבען די ברידער. דײַן האַנד וועט שטענדיג האַלטען דעם פיינדס נאַקען. דײַנע ברידער וועלען זיך צו דיר בוקען, וואָרום פון דיר וועלען די יודישע מלכים אַרויסקומען, און ירושלים וועט געהערען צו דיר. אַזוי ווי אַ לייב וועסט דו זײַן, אַז דו וועסט זיך אָוועקלעגען—ווער וועט זיך דערוועגען דיך פון אָרט צו רירען? דאָס געזעץ און רעכט וועט שטענדיג אַרויסקו־מען פון דיר, און די פעלקער וועלען קומען צו דיר תורה לערנען. און אַזוי פעט וועט זײַן דײַן לאַנד (דאָס מיינט מען—ירושלים), אַז צו אַ הענגיל וויינטרויבען וועסט דו מוזען אײַנשפּאַנען אַ יונג פערד, ער זאָל עס שלעפען. דײַן קלייד וועסט דו וואַשען אָנשטאָט וואַסער—אין ווײַן, און דײַנע צייהן וועלען שטענדיג ווייס זײַן פון מילך טרינקען.

יששכר און זבולון האָט ער געהייסען שותפות מאַ־כען: אַז יששכר זאָל זיצען און לערנען, און זבולון זאָל האַנדלען; האָט ער איהם איבערגעגעבען די שיפען אויף'ן ים, און ער זאָל פרנסה געבען זײַן ברודער יששכר.

אַזוי האָט ער זיך אָבגעזעגענט מיט אַלע זײַנע קינ־

דער און יעדען בעזונדער געבענשט. האָט ער נאָך גע־וואָלט אויסזאָגען זיי די צייט, ווען משיח וועט קומען, האָט זיך באַלד פון איהם די שכינה אָבגעטאָן. האָט ער פערשטאַנען, אַז ער מוז עס פערשוויינען. האָט ער זיי נור געזאָגט:

— בעגראָבט׳ס מיך אין דער מערת־המכפלה, דאָרט, וואו מיין זיידע אברהם און באָבע שרה, מיין פאָטער יצחק און מאַמע רבקה ליגען בעגראָבען. די פעלד האָט מיין זיידע אברהם אָבגעקויפט פון די בני־חת—זאָלט איהר מיך דאָרט בעגראָבען מיט מיין ווייב לאה׳ן.

ווי ער האָט דאָס געענדיגט, האָט ער באַלד אָנגע־הויבען צו זאָגען:

— שמע ישראל ה׳ אלהנו ה׳ אחד.

האָבען איהם די קינדער אָבגעענטפערט:

— ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

האָט ער די פיס אויסגעצויגען און איז געשטאָרבען.

פון דענסטמאָל אָן, ווען די יודען רופען אין שול צוויי מאָל אין טאָג „שמע ישראל״, הערען עס די אבות אין מערת־המכפלה און זיי ווייסען, אַז מיר לעבען נאָך און מיר האַלטען זייער צוואה.

ל״ד
יעקב׳ס קבורה

באַלד נאָך יעקב׳ס טויט, איז יוסף אַוועק צו פּרעה׳ן און האָט איהם פּערצעהלט, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבען, און ער האָט איהם בעשוואוירען פאַר׳ן טויט, אַז ער זאָל איהם פיהרען אַהיים קיין ארץ-ישראל בעגראָבען. האָט פּרעה ערלויבט יוספ׳ן, ער זאָל מיטגעהן נאָך דעם פאָטערס לויה און דערווייל געזעצט אַנ׳אַנדער׳ן אויף זיין אָרט.

ווי די ברידער האָבען געטראָגען יעקב׳ן קיין ארץ-ישראל, זענען אויפ׳ן וועג אַרויס ישמעאל און עשו מלחמה האַלטען. אַז זיי האָבען דערזעהן, אַז מען פיהרט יעקב׳ן, האָבען זיי אַראָבגענומען די קרוינען פון זייערע קעפּ און האָבען אַרויפגעלעגט אויף יעקב׳ס אָרון. זענען געלעגען אויף יעקב׳ס אָרון זעקס און דרייסיג קרוינען, וואָרום זעקס און דרייסיג פירשטען זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה.

קומט מען אָן צו דער מערת-המכפלה. שטעלט זיך אַוועק עשו ביי דער טיר און לאָזט נישט דעם מת אַריינטראָגען.

— וואָס איז?

— איך בין דער בכור — דערמאָנט ער זיך יעצט — קומט מיר דער קבר. און איבעריגענס, האָט יעקב שוין אָבגענומען זיין חלק מערת-המכפלה: לאָה׳ן האָט ער דאָרט בעגראָבען.

זאָגט מען צו עשו׳ן:

— דו האָסט דאָך פערקויפט דעם חלק קרקע יעקב׳ן, און דו האָסט דאָך אונטערגעשריבען אַ צעטיל!

זאָגט ער: „עס איז נישט וואָהר, ווייזט מיר דעם צעטיל״.

און דעם פּאַפּיר האָבען זיי געהאַט אין דערהיים געלאָזט אין מצרים. האָט מען געשיקט נפתלי׳ן, וואָס ער איז דאָך געווען גרינג אויף די פיס, אַז ער זאָל אַהיים לויפען ברענגען דעם צעטיל. דערווייל איז דאָרט געשטאַנען יעקב׳ס אַנ׳אייניקעל, דנ׳ס זוהן, חושים. ער איז געווען טויב, האָט ער נישט געוואוסט, וואָס דאָ געהט פאָר. האָט ער געפרעגט:

— וואָס וואַרט מען מיט דער קבורה?

האָט מען איהם געזאָגט, אַז עשו לאָזט נישט. ווי דער טויבער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געכאַפּט אַ פלאָקען און צעזעצט עשו׳ן דעם קאָפּ. איז ער באַלד געשטאָרבען.

דאָס האָט זייער מוטער רבקה נביאות געזאָגט: „איך וועל זיי ביידען אין איין טאָג בעגראָבען!״

האָט מען יעקב׳ן בעגראָבען אין מערת־המכפלה, און עשו׳ן פון דרויסען—אויפ׳ן הויף פון דער מערה. און עשו׳ס קבר זעהט מען נאָך אויפ׳ן הויף פון דער מערת־המכפלה ביז׳ן היינטיגען טאָג. יעקב׳ס קבר זעהט מען נישט, ווייל עס איז אין אַ טיעפען קעלער, און די טערקען שטעהען דאָרט און לאָזען נישט אַריין.

אַז די ברידער זענען צוריק געגאַנגען פון דער לויה, זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער גרוב, וואָס אַהין

האָבען זיי יוסף'ן אַריינגעוואָרפען. האָט זיך יוסף אָבגע-
שטעלט אַריינקוקען און ער האָט געזאָגט:

— פון דער גרוב בין איך אַרויס און געוואָרען אַ
שני-למלך.

האָבען די ברידער געמיינט: יעצט, נאָך דעם פאָ-
טערס טויט, וועט ער זיי שלעכטס טון. האָבען זיי נישט
געוואָלט מיט איהם מיטגעהן קיין מצרים. זאָגט ער צו זיי:

— האָט נישט קיין מורא. צעהן ליכט האָבען איין
ליכט נישט געקענט אויסלעשען,—ווי אַזוי וועל איך—איין
ליכט—צעהן ליכט אויסלעשען?

זענען זיי מיטגעגאַנגען מיט איהם קיין מצרים און
זענען דאָרט געבליבען, ביז משה רבינו האָט זיי אויס-
געלייזט.

אינהאלט:

		זייטע.
א.	אדם	3
ב.	חוה	5
ג.	דער גן-עדן	8
ד.	דער ערשטער טויט	14
ה.	נח מיט דער תיבה	18
ו.	דער טורם פון בבל	24
ז.	אונזער פאָטער אברהם	26
ח.	ווי אברהם האָט דערקענט גאָט	29
ט.	גאָט בעוויזט זיך צו אברהם.	31
י.	די מלאכים ביי אברהם	33
י"א.	דער פעטער ישמעאל.	39
י"ב.	אברהם ביי ישמעאל אין מדבר	41
י"ג.	עקדת יצחק	43
י"ד.	אליעזר און רבקה	50
ט"ו.	יעקב און עשו	55
ט"ז.	יצחק בענשט יעקב'ן.	58
י"ז.	יעקב אַנטלויפט פאַר עשו'ן	63
י"ח.	יעקב מיט רחל'ן.	69
י"ט.	לבן נענאַרט יעקב'ן	73
כ.	יעקב אַנטלויפט פון לבן.	78
כ"א.	יעקב'ס בעגעגעניש מיט עשו'ן	85
כ"ב.	יעקב איז ממלא זיין נדר	90
כ"ג.	רחל'ס טויט	92
כ"ד.	שמעון און לוי הרג'ען אויס שכם	95
כ"ה.	די ברידער פערקויפען יוסף'ן.	98
כ"ו.	יוסף אין מצרים.	105
כ"ז.	יוסף אין תפיסה.	108
כ"ח.	יוסף ווערט שני למלך	111
כ"ט.	די ברידער אין מצרים	117
ל.	יוסף עסט מיט זיינע ברידער	124
ל"א.	יוסף גיט זיך צו דערקענען זיינע ברידער	128
ל"ב.	יעקב זעהט זיך מיט יוסף'ן	133
ל"ג.	יעקב'ס טויט.	137
ל"ד.	יעקב'ס קבורה	141